# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

יוה"ק תשפ"ב
שנה ג'

## די קוואל פון עצות

אריינפיר: לעבנס עצות • #1 נעם זיך צו די ארבעט • #2 זיכערהייט איז ערשט! • #3 האלט זיך שטיל • #4 זוך שלום • #5 שמייכל! #6 דאווען נאכאנאנד • #7 אנערקען דיין גוטן מזל • #8 וועל אויס דיינע שכנים • #9 טוה תשובה • #10 זוך באראטונג • אויספיר

### אריינפיר: לעבנס עצות

#### פארלוירן אין די הויכע וואסערן

עס וואלט געווען זייער כדאי צו איבערשמועסן עטליכע ווערטער פון הדרכה פאר מיר טרעטן אריין אין הייליגן און פארכטיגן טאג יום כיפור - ווערטער וואס וועלן אונז העלפן פירן אונזער לעבן דורכאויס דעם קומענדיגן יאר. אין פרשת האזינו רעדט די תורה פונקט איבער דעם; דער באשעפער זאגט א טענה צו די אידן, וואס דארף דינען אלס הדרכה פאר זיין באליבט פאלק. דאס זענען ווערטער וואס דארפן אונז באגלייטן צום נייעם יאר און אויף א גאנץ לעבן.

כִּי גוֹי אֹבַד עֵצוֹת הֵמָּה - זיי זענען א פאלק וואס זענען פארלוירן פון עצות, וְאֵין בָּהֶם תְּבוּנָה - און זיי טוען נישט פארשטיין (האזינו לב:כח). "איך פראביר דאס בעסטע צו געבן אנווייזונגען צו מיין פאלק," זאגט דער באשעפער, "אבער וואס קען איך טון מער? זיי הערן זיך נישט צו צו מיר און דערפאר פעלט זיי פארשטאנד."

ס'איז פונקט ווי ווען דיין פריינד לאזט זיך ארויס אויף א לאנגע רייזע און דו געבסט אים א גוטע מאפע אז ער זאל זיך נישט פארלירן אונטערוועגנס אבער ער מיינט אז ער פארשטייט בעסער און ער קוקט נישט אויף די אנווייזונגען; ער מיינט עס וועט זיין גוט אזוי. דאס איז וואס דער ספרי זאגט אויף דעם פסוק: אָבְדוּ יִשְׂרָאֵל עֵצָה טוֹבָה שֶׁנִּתְּנָה לָהֶם - דאס אידישע פאלק איז פארלוירן געגאנגען פון די גוטע עצות וואס זענען געגעבן געווארן צו זיי. דאס מיינט אז מיר האבן זיך נישט צוגעהערט צו די הדרכה וואס איז געגעבן געווארן צו אונז און אצינד זענען מיר ווי א שיף פארלוירן אין די הויכע וואסערן אן קיין שיפלען אנווייזונגען וואו צו פארן.

דאס איז וואס די וועלט איז; ס'איז א ריזיגער ים אנגעפילט מיט שטורמישע כוואליעס און ריזיקאלישע שטרודלונגען - און אן קיין אנווייזונגען וועלן מיר זיכער אריינקראכן אין די שטיינער אין לעבן; מיר וועלן געשעדיגט ווערן. טייל מענטשן קענען אפילו איינזינקען. סיי וואס עס זאל פאסירן, וועט עס נישט זיין די ערפאלגרייכע רייזע וואס עס וואלט געקענט זיין.

#### די עצות פון די תורה

דערפאר לוינט צו אנטדעקן דער שיפלען סיסטעם וואס דער באשעפער טוט אונז צושטעלן. מיר ווילן דאך נישט איינזינקען! מיר דארפן פארענטפערן די קריטישע שאלות: וואס מיינט עס דאס ווארט 'עצות'? וואו איז דער קוואל פון הדרכה וואס מיר טוען איגנארירן?

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

דער ענטפער ווערט געברענגט אין ספרי ווי פאלגנד: וְאֵין עֵצָה אֶלָּא תּוֹרָה - דאסווארט עצה מיינט נאר תורה. דו ווילסט האבן באראטונגען צו מצליח זיין אין לעבן? דו ווילסט א סיסטעם צו דורכשיפלען דיין וועג אויף דעם ים פון לעבן? אין עצה אלא תורה! אלע עצות וואס דו קענסט אמאל דארפן ליגט אין די תורה וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן!

## נצחיות'דיגע לעבן

'אין עצה אלא תורה' איז דער אריינפיר צו די וויכטיגע נושא פון 'כי הם חיינו' - די רייד פון די תורה איז אונזער לעבן - און עס איז אן אריינפיר וואס פיל מענטשן האבן קיינמאל נישט ריכטיג אפגעלערנט. ווייל ווען ערליכע אידן הערן די רייד מיינען זיי אז זיי ווייסן שוין גוט פון דעם: "כי הם חיינו! תורה איז אונזער לעבן! אהא! ס'איז חיי עולם; ס'איז עולם הבא - ס'איז נצחיות'דיגע לעבן!"

און דער אמת איז, זיי זענען גערעכט. מיר וועלן האבן עולם הבא צוליב די תורה; זיכער. בעולם הבא האט די תורה א גרויסער חשיבות. אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו - דו דארפסט האבן עפעס צו די האנט ווען דו קומסט אן דארט. ווען דו קומסט אין עולם הבא, וועט מען דיר זאגן, "זאג עפעס איבער." "פאר זיבעציג, אכציג יאר האסטו געהאט אזויפיל געלעגנהייטן צו לערנען," וועט דער באשעפער זאגן, "אפילו אויב דו ביסט געווען אן ארבעטער, האסטו געהאט די אוונטס. דו האסט געהאט די לאנגע פרייטאג צונאכטס אין די ווינטער חדשים און די לאנגע שבת נאכמיטאגס אין די זומער חדשים. און די זונטאגס און ימים טובים! איך האב דיר געגעבן אזא מתנה, אזא תורה, און דו קומסט צוריק צו מיר מיט ליידיגע הענט?!"

דאס פארשטייט יעדער, איינער מער איינער ווייניגער. מיר ווייסן אז ווי מער אונזערע הענט זענען אנגעפילט מיט גוטע זאכן אלס א שענערער קבלת פנים וועלן מיר דארט באקומען. און דערפאר, ווען מיר זינגען שמחת תורה ווייסן מיר דעם פשט: אשרינו מה טוב חלקנו, דאס מיינט אין עולם הבא; ומה נעים גורלנו, אין עולם הבא; ומה יפה ירושתנו, אין עולם הבא. תורה מיינט א נצחיות'דיגע לעבן.

## פארדינסטן אויך אויף די וועלט

אבער דא קומט דער חובת הלבבות שער חשבון הנפש (ל) און זאגט אונז עפעס וואס קען אונז איבערראשן צו הערן. און נישט נאר וואס ער וויל מיר זאלן דאס וויסן נאר ער שרייבט אז דאס איז אזוי וויכטיג אז מיר דארפן נעמען די צייט צו אריינטראכטן דערין. ער זאגט אז כי הם חיינו מיינט, די תורה איז אונזער לעבן אויף די וועלט!

אודאי, עס איז אויך דא אן עולם הבא. דער טאג וועט קומען, נישטא קיין ספק אין דעם, וואס די תורה וועט זיין אונזער הצלה אויך אויף יענע וועלט. אבער דערווייל זענען מיר נישט אין א גֶעיעג אנצוקומען אהין און דער חסיד גדול - אזוי ווערט דער חובת הלבבות אנגערופן - וויל מיר זאלן וויסן אז די תורה וועט אונז ראטעווען שוין יעצט אויף די וועלט. די תורה איז אונזער הצלחה דורכדעם וואס עס ראטעוועט אונז פון אלע סארט פראבלעמען אין עולם הזה!

און דאס, זאגט דער ספרי, איז וואס דער פסוק לערנט אונז. אין עצה אלא תורה; דאס הייסט, איינע פון די געוואלדיגע מעלות פון די תורה איז דאס אז עס איז אן אוצר פון גוטע עצות; ס'איז פול מיט קלוגע הדרכה פון ווי אזוי צו מצליח זיין אין עולם הזה!

## די איינציגסטע באראטונגס ספר

דאס איז דער פאקט! אמת'ע עצות טרעפן מיר נישט אין קיין שום זעלבסט-הילף ביכער אויפ'ן מארק. ס'ליגט נישט אין די באראטונגס באשרייבונגען פון די פסיכיאטארן. עס געפינט זיך בלויז אין איין פלאץ. אין עצה אלא תורה. נישט אז ס'איז אויך אין די תורה; ס'איז אלא תורה - ס'איז בלויז אין די תורה.

די תורה איז פול מיט הדרכה צו מצליח זיין אויף די וועלט. עס לערנט דיר ווי אזוי צו האנדלען מיט דיינע עלטערן און דיינע קינדער; ווי אזוי צו באהאנדלען א ווייב אדער א מאן און אויך די שוויגער עלטערן. פון די תורה לערנען מיר ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט דעם איטאליענישן שכן. עס לערנט דיר ווי אזוי צו מצליח זיין אין מסחר און ווי אזוי צו זיין ערפאלגרייך אין דיין אייגן פערזענליכן לעבן.

נישט נאר אין דיין פריוואטן לעבן, נאר אויך ווי אזוי צו רעאגירן צו ציבור'ישע ענינים, ווי אזוי צו האנדלען

מיט'ן מעיאר און גאווערנער. ס'איז פול מיט אנווייזונגען פון ווי אזוי צו האנדלען מיט גוי'ישע פעלקער. אפילו אין געזונט! די גמרא איז פול מיט הדרכה פון ווי אזוי צו אכטונג געבן אויף דיין געזונט. אזויפיל מענטשן שטארבן צוליב דעם ווייל זיי האבן נישט אריינגעקוקט אין די תורה פאר הדרכה איבער זייער געזונט.

אפילו די שווערסטע פראבלעמען קענען געלעזט ווערן דורך זיך צוהערן צו די תורה'דיגע הדרכה. פיל מאל זעט אויס ווי ס'איז נישטא קיין וועג ארויס, אז ס'איז נישטא קיין לעזונג צו א פראבלעם, אבער ווען דו הערסט צו די הדרכה פון די תורה קען דער פראבלעם באלד געלעזט ווערן. אין יעדן שטאפל פון לעבן, שטייט די תורה צו דער זייט פונעם מענטש און שטעלט צו פראקטישע הדרכה ווי אזוי צו לעבן ערפאלגרייך.

## לערן ריכטיג

איר קענט זאגן, "גוט, אבער איך קען פיל מענטשן וואס לערנען תורה אבער זענען נישט מצליח אין לעבן." ס'איז ריכטיג - עס זענען דא מענטשן וואס לערנען תורה און דאך פאסירט אז מען קומט זיך נישט אדורך מיט מענטשן, זייער שטיבער ווערן צעבראכן ר"ל. עס זענען דא מענטשן וואס לערנען תורה און ווערן אריינגעשלעפט אין מחלוקת; מענטשן וואס לערנען תורה און זיי רואינירן זייער פרנסה און מאכן חרוב זייער געזונט. עס זענען דא מענטשן וואס לערנען תורה א גאנצע צייט און זענען נישט פריילך, זיי זענען אומצופרידן, ריכטיג.

און דא קומען מיר צו די וויטאגליכע נושא פון כִּי גוֹי אֹבַד עֵצוֹת - א פאלק וואס איז פארלוירן פון די תורה באראטונג. מען דארף פארשטיין וואס עס מיינט צו לערנען תורה; טראכט אז דו הערסט אין די תורה די רייד פון באשעפער וואס לערנט דיר ווי אזוי צו לעבן. דאס איז דער חידוש פון וואס מיר רעדן אצינד; דאס איז די הקדמה צו אונזער נושא: ווען דו לערנסט תורה דארפסטו צוערשט וויסן אז דו לערנסט ווי אזוי צו פירן אן ערפאלגרייך לעבן - דו זאלסט טראכטן אז די תורה רעדט צו דיר.

וואספארא נוצן איז דא פון די בעסטע הדרכה אויב מען ווייסט נישט אז ס'איז פארהאן? אויב דו מיינסט אז די תורה איז בלויז פסוקים; מצוות און מעשיות, און די גמרא איז בלויז טעארעטישע באגריפן און פרטים פון הלכות, וועסטו נישט האלטן די אויגן אפן צו טרעפן אלע גוטע עצות. דערפאר זעען מיר אזא מציאות פון מענטשן וואס לערנען אבער זיי זענען אובד עצות; זיי ווייסן נישט ווי אזוי צו לעבן. אויב דיינע אויגן זוכן נישט די עצות, זאגט דער באשעפער, "עס קען זיין דו זאלסט לערנען די תורה אבער אויב דו זוכסט נישט די הדרכה, דאן ביסטו א גוֹי אֹבַד עֵצוֹת, און אֵין בָּהֶם תְּבוּנָה, דו ווערסט א פאלק אן קיין פארשטאנד."

## דער דרך הלימוד אין ישיבות

אלזא, די ראשי ישיבה וועלן מיר דארפן מוחל זיין פאר'ן טרעטן אויף געוויסע הינער אויגן - איך בעט מחילה פון זיי - אבער תורה מיינט נישט צו לערנען די ערשטע זעקס בלאט פון די מסכתא מיט אלע ראשונים און אחרונים און דער גאנצער ווינטער זמן גייט אוועק מיט די זעקס בלאט. דאס איז נישט דער וועג צו לערנען תורה.

איך גיי דא נישט געבן פאר מענטשן לעקציעס ווי אזוי אויסצולערנען גמרא אין די ישיבות אבער דאס איז נישט ווי אזוי עס איז געטון געווארן ביז היינט. ביז היינט האט מען נישט געלערנט זעקס בלאט אין א ווינטער זמן. זיי האבן געלערנט פיל מער ווייל זיי האבן געוואוסט אז די תורה האט פיל ידיעות און מען דארף קונה זיין די ידיעות - די ערשטע זעקס בלאט איז נישט גענוג; ס'איז דא אסאך הדרכה פאר אן ערפאלגרייך לעבן אויף אויף דף ח.

די גמרא איז פול מיט חכמה ווי אזוי צו לעבן - מען דארף עס אבער לערנען. איך געדענק איין מלמד - עס זענען היינט דא אסאך אזעלכע מלמדים - ווען מען איז צוגעקומען אין די גמרא צו ענינים פון חכמה מוסר, הדרכה און יראת שמים, האט ער עס אלעמאל איבערגעהיפערט. ער האט נאר פארגעלערנט די שטיקלעך וואס זענען געזאלצן און געפעפערט, עפעס מפולפל אז ער זאל קענען עפעס זאגן דערויף. אבער ווען ס'איז געקומען צו רייד פון דרך ארץ, מידות טובות, גוטע עצות, האט ער דאס אויסגעלאזט. ער האט נישט געהאט וואס צו זאגן. "ס'איז פשוט," האט ער געזאגט. ס'איז אינגאנצן נישט פשוט!

## נישט פארפאסן געלעגנהייטן

איך האב געהאט א מלמד, זכרונו לברכה, וואס האט געלערנט אין וואלאזשין. וואלאזשין; די מוטער פון די ישיבות! ער האט געוואוסט ווי אזוי צו לערנען! און איך געדענק; ער האט גארנישט איבערגעהיפערט. און נישט

נאר וואס ער האט קיינמאל נישט געהיפערט, נאר ער האט ארויסגעזוכט די עצות; ווען ער פלעגט פארלערנען א שיעור אין גמרא און ער איז אנגעקומען צו עפעס וואס האט אים געגעבן א תירוץ צו רעדן דברי דרך ארץ און מידות טובות און אמונה, האט ער זיך אלעמאל אפגעשטעלט און גערעדט דערפון.

איך געדענק ווי אזוי ער האט געלערנט א משנה אין מסכת נדרים. אויפ'ן ערשטן בליק זעט נישט אויס ווי די מסכת זאגט עפעס הדרכה. עס שטייט "דרך תלמידי חכמים..." - דער וועג פון תלמידי חכמים איז, אויב זיי ווילן אויסגעפינען אויב זייערע ווייבער אדער טעכטער האבן נדרים אויף זיי, האבן זיי א וועג דאס אויסצופארשן; זיי האבן א טאקטיק ווי אזוי אויסצוגעפינען אויב זיי האבן נדרים.

האט מיין מלמד געזאגט אזוי - איך געדענק זיין שיינענדער געזיכט ביז צום היינטיגן טאג; אהה! זאל ער האבן א לעכטיגער גן עדן - ער האט געזאגט: "דרך תלמידי חכמים; ס'איז דער וועג פון תלמידי חכמים... - אה! זעען מיר אז תלמידי חכמים האבן אן אנדער וועג פון לעבן!" אזוי האט ער געלערנט די משנה. עס האט אים געלערנט אז מען דארף האבן א דרך אין לעבן.

## דרך תלמידי חכמים

ער האט געגעבן א גאנצער שמועס איבער א דרך פון תלמידי חכמים. ער האט גערעדט צו אונז איבער א וועג פון טראכטן אנדערש, א וועג פון זיך פירן אנדערש. און דאס איז נישט געווען די סוגיא; ס'איז 'נאר' געווען אגב ארחי. די משנה האט גערעדט פון עפעס אינגאנצן אנדערש, איבער די פרטים פון נדרים. אבער ער האט אנטדעקט אן אוצר פון הדרכה אין די רייד פון די תורה ווייל ער האט געוואוסט אז אין עצה אלא תורה. דאס איז געווען א מלמד וואס האט פארשטאנען אז די גאנצע הדרכה וואס מען דארף האבן ליגט אין די תורה.

דער פראבלעם איז אז מענטשן ווערן פארטעמפט; זיי ווערן צוגעוואוינט צו ליינען אין די תורה אויף אן אויבערפלעכליכן וועג און זיי זוכן נישט קיין אנווייזונגען. און ווען דו ווייסט נישט וואס דו זוכסט, וועסטו עס ווארשיינליך נישט געפינען. אבער אויב מיר זענען פון פאראויס געווארנט; אויב מיר דערהערן די שטראף רייד פון באשעפער אין פרשת האזינו: "זיי נישט א פאלק וואס איגנארירט די עצות פון די תורה." דאן ווייסן מיר פון פאראויס אז די תורה איז פול מיט גוטע עצות אין אלע ענינים פון פראקטישן לעבן; און איינמאל מיר ווייסן דאס קענען מיר האלטן אונזערע אויגן אפן אין דעם אוצר פול מיט גוטע הדרכה.

## די שווערע שטראף רייד

און דאס איז פארוואס די שטארקע שטראף רייד ווערן געזאגט אויף אונזער פאלק ווען מיר מאכן נישט גענוג נוצן פון אט די מתנה. דער באשעפער זאגט, "די גויים לעבן ערפאלגרייך? אדער זענען זיי אומצופרידן און קריגן זיך איינער מיט'ן צווייטן א גאנצע צייט? זיי צעברעכן זייער שטיבער אויף רעכטס און לינקס? זיי נעמען זיך דאס לעבן און שטארבן פון אוממאראלישע קרענק? גוט; זיי האבן א תירוץ - זיי האבן נישט קיין תורה, נישט קיין עצות. אבער איר, דאס אידישע פאלק, פארוואס פאלט איר אריין אין אומצופרידנהייט? פארוואס זענט איר נישט מצליח? ס'איז דא נאר איין סיבה. איר זענט א גוי אובד, א פאלק וואס איז פארלוירן, ווייל איר טוט איגנארירן די אלע עצות פון די תורה וואס איר דארפט האבן כדי צו מצליח זיין אויף די וועלט!"

איינמאל איר טוט אריינגעמען אין אייערע קעפ אז די תורה - סיי די תורה שבכתב און סיי די תורה שבעל פה - איז אן אוצר פון גוטע הדרכה פאר'ן לעבן, אז ס'איז פול מיט גוטע עצות אויף אלע ענינים פון פראקטישן לעבן, דאן קענען מיר אנהייבן צו באטראכטן די תורה מיט אנדערע בליקן און זוכן הדרכה. און ווען מיר וועלן דאס טון וועלן מיר געפינען. יגעת ומצאת - אויב דו וועסט הארעווען צו זוכן, וועסטו זיכער טרעפן. אייגנטליך וועלן מיר אנהייבן זען אז ס'איז אזוי קלאר אז מיר וועלן זיך וואונדערן ווי אזוי מיר האבן דאס נישט דערזען דורכאויס אלע יארן וואס מיר האבן געליינט אין די תורה און איבערגע'חזר'ט אירע רייד.

אלזא, אצינד זענען מיר גרייט צו אנהייבן; מיר זענען גרייט צו אנהייבן לעבן מיט הצלחה דורך אריינגראבן אין די תורה פאר דעם באשעפער'ס הדרכה. אצינד ווילן מיר זיך אויסשפרייטן איבער די גאנצע ברייט פון די תורה; אפילו אויב מיר זאלן קענען - און מיר קענען נישט - וועט אונזער שיעור נישט נעמען קיין ענד. אבער כדי זיך צו טרענירן צו זוכן הדרכה אין די תורה וועלן מיר אנכאפן אפאר ביישפילן. מיר וועלן ארומרעדן איבער צען עצות וואס וועלן אונז צוניץ קומען בשעת מיר לאזן זיך ארויס אויף אונזער שיף רייזע דורכרייזנדיג אונזער לעבן.

# #1 נעם זיך צו די ארבעט

## יעדער זאל זיין גרייט

אלזא, וועלן מיר אנהייבן מיט עצה נומער איינס. אין עטליכע וואכן ארום וועלן מיר ליינען די רייד אין די תורה אבער מיר וועלן זיך יעצט צוהערן דערצו פונקט ווי עס רעדט צו אונז: בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם - איר זאלט עסן אייער ברויט דורך די שווייס פון אייער ארבעט (בראשית ג:יט). יעצט, געוויסע מענטשן וואס לערנען חומש מיינען אז דאס האט דער באשעפער נאר געזאגט פאר אדם הראשון, עפעס א פארנעפלטער זאץ איבער די שווייס פון די ארבעט. אבער אצינד לערנען מיר אז דאס רעדט מען צו אונז. דער באשעפער זאגט צו אלע אייניקלעך פון אדם הראשון: "איר ווילט עסן ברויט?" פרעגט דער באשעפער, "זאלט איר ארבעטן דערפאר."

דאס מיינט, יעדער זאל זיין גרייט צו ארבעטן אויף די וועלט. צי ס'איז א סוחר אדער א בעקער; סיי וואס עס זאל זיין, ער דארף ארבעטן פאר זיין ברויט. עס קען זיין דו ארבעטסט מיט דיין קאפ, א מלמד ארבעט אויך; ס'איז נישט קיין לייכטער ארבעט - די אינגלעך הערן נישט אלעמאל אויס. א כולל יונגערמאן דארף אויך שווער הארעווען. אין כולל דארף מען ארבעטן מיט שווייס. סיי וואס עס איז, סיי וואו דו ביסט, די עצה פון די תורה איז בְּזֵעַת אַפֶּיךָ; דו דארפסט זיין פארנומען צו ארבעטן.

## א וועלט פון ארבעטן

גלייך פון אנהייב טוט די תורה נאכאנאנד איבער'חזר'ן אז: אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת - דער באשעפער האט געמאכט די וועלט צו טון. הַיּוֹם לַעֲשׂוֹתָם - ס'איז א וועלט פון טון. וועט איר מיר זאגן אז "צו טון" מיינט מען מצוות. נישט קיין ספק; אויסדריקליך דארף מען טון מצוות. און איינע פון די מצוות, איינע פון די ערשטע עצות, איז שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד, זעקס טעג א וואך זאלסטו טון. דאס מיינט נישט צו געבן 'רשות' צו ארבעטן; דאס זענען נישט זעקס טעג וואס מ'מעג ארבעטן, נאר אז זעקס טעג זאלסטו ארבעטן - דו דארפסט הארעווען צו מאכן פרנסה.

דאס מיינט נישט אז דו דארפסט ארבעטן איבערשטונדן. דאס מיינט נישט אז דו דארפסט אננעמען נאך ארבעטס פאסטנס. דאס מיינט נישט אז דו דארפסט אויפבלייבן ביז שפעט אויפדערנאכט און באקומען חלילה אן אנצינדונג און ריזיקירן מיט'ן לעבן. אבער דו דארפסט ארבעטן! דאס לעבן איז נישט געמאכט צו זיין גרינג - דורך די שווייס פון דיין ארבעט וועסטו האבן צו לעבן.

## ארויסגיין פון דעפרעסיע

אלזא, מיינט נישט אז דאס איז בלויז א גזירה מן השמים, א שטראף. אה ניין! דאס איז הדרכה פאר א געזונטע לעבן! א מענטש איז אזוי אויסגעשטעלט אז ער דארף זיין פארנומען. פאר דיין מח איז געזונט צו ארבעטן. דארפסטו זיין פארנומען - עפעס מוזטו טון. ס'איז ווי לופט צום אטעמען. דו מוזט אריינאטעמען לופט צו קענען לעבן, און דער באשעפער האט אזוי אריינגעלייגט אין די טבע, אין אונזער נאטור, אז פונקט ווי מיר דארפן האבן לופט, דארפן מיר האבן ארבעט. כדי צו זיין געזונט, כדי צו לעבן לאנג, דארפן מיר ארבעטן.

מענטשן רופן מיר נאכאנאנד אויפ'ן טעלעפאן, זיי זאגן מיר אז זיי זענען דעפרעסט. פרעג איך, "ווילסט ארויסגיין פון די דעפרעסיע? גיי נישט צו קיין פסיכאלאגן, ס'איז א שאד די געלט. הייב אן צו טון עפעס; סיי וואס."

"איך פיל נישט דערביי," ענטפערן זיי מיר, "ווי אזוי קען איך עפעס טון? איך האב נישט קיין שום מוט צו טון."

"פונדעסטוועגן זאלסטו טון," זאג איך זיי. ס'איז פונקט ווי מ'זאל זאגן, "כ'בין אזוי שוואך! איך פיל נישט דערביי זיך צו ארויסדראפען פון די וואסער ווען איך האלט אינמיטן איינזינקען!" "גוט, איר זאלט בעסער צוזאמנעמען כח און אנהייבן שווימען מיט שטארקע באוועגונגען." טו עפעס איידער דו זינקסט אריין! און איינמאל דו וועסט אנהייבן עפעס טון וועסטו זען אז דיין קאפ וועט אנהייבן זיך צוריקשטעלן אויפ'ן פלאץ.

## נאכווייען פון איגנארירן די תורה'ס הדרכה

אלזא, כ'ווייס אז געוויסע מענטשן וועלן טראכטן אז זיי וועלן ארויסקריכן פון זייערע פראבלעמען אן די עצה

פון די תורה, אבער גלייבט מיר עס וועלן אלעמאל בלייבן נאכוויען. דו איגנארירסט די תורה הדרכה אויף דיין אייגענער אחריות. קען זיין אז דו וועסט קענען פוסטעווען דיין גאנץ לעבן אבער איין טאג וועסטו צוריקקוקן און זען וויפיל צער און פראבלעמען עס האט פאראורזאכט.

די גמרא (כתובות נט:) זאגט, הבטלה מביאה לידי שעמום - ליידיגקייט ברענגט צו פוסטקייט. אלזא, נישט אלעמאל ווערט מען משוגע, אבער ס'ברענגט צו דיפרעסיע, קרענק אין מח.

דא זיצט א מענטש אין כולל יאר נאך יאר, אבער ער ארבעט נישט אין כולל. זיין ווייב גייט צו די ארבעט יעדן טאג - זי טאנצט אריין אין א קאר זעקס אזייגער אינדערפרי און פארט צו די ארבעט פון לעיקוואוד צו ניו יארק און דערווייל שטייט ער אויף שפעט; ער גייט צום צווייטן מנין אין שטיבלעך. ער קומט אן צום דאווענען 9:30. ער קומט אהיים און לייגט די צייטונג ביזדערווייל ער עסט פרישטאג. ענדליך דערשלעפט ער זיך צום ארט וואו ער דארף זיצן און לערנען. ער לערנט אביסל און רעדט אביסל מיט חברים. דאס הייסט נישט א כולל יונגערמאן. ער ארבעט נישט שווער אין כולל; ער איז נישט פארנומען מיט זיין לערנען, ווערט ער אנטמוטיגט. ער איז א צעבראכענער מענטש ווייל ער איגנארירט די הדרכה פון די תורה.

## דאס שווארץ אפל פון אונזער אויג

דאגעגן די וואס זענען געוואוינט צו פארברענגען זייערע טעג מיט הארעווען אין די תורה, זיי זענען דאס שווארץ אפל פון אונזער אויג. דערפאר שטיצן מיר כולל יונגעלייט. אויב מ'קען דאס טון צו אמת'דיג זיצן און לערנען, גוט! אבער אויב דו וועסט ארומגיין ליידיג, זוכסטו זיך פראבלעמען ווייל דו איגנארירסט די עצה פון די תורה: שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד, זעקס טעג א וואך זאלסטו ארבעטן. דו זאלסט ארבעטן! בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם - דורך די שווייס פון דיין ארבעט זאלסטו מאכן דיין לעבן.

למעשה, קען זיין אז ווען דו האסט געלערנט חומש האסטו דאס נישט באמערקט - דו האסט קיינמאל פריער נישט געלערנט פשט. אבער אצינד ווייסטו אז עצה זו תורה און א נייע וועלט פון חכמה האט זיך געעפנט פאר דיר. דערפאר, די מענטשן וועלכע ווילן אויסהערן עצות, שֹׁמֵעַ לְעֵצָה חָכָם - זיי זענען קלוגע מענטשן (משלי יב:טו). און די וועלכע זענען חֲכָמִים בְּעֵינֵיהֶם, זיי טראכטן אז זיי ווייסן אלעס אין לעבן, זיי וועלן נישט צוהערן דערצו. 'עצות פון די תורה?! וואס?!' טראכטן זיי. און דאס באדייט די ווערטער, כִּי גוֹי אֹבַד עֵצוֹת הֵמָּה.

# #2 זיכערהייט איז ערשט!

## שטענדיג אויף דער וואך

נאך אן עצה; נומער צוויי אויף אונזער ליסטע: וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם - און דו זאלסט שטארק אפהיטן דיין לעבן; די גמרא (ברכות לב:) ערקלערט אז דאס באדייט צו היטן דאס געזונט.

דער באשעפער געבט אונז דא א געוואלדיגע עצה צו מצליח זיין אויף די וועלט. "איך געב דיר א גוטע עצה," זאגט דער באשעפער, "טו נישט קיין זאכן אן צו טראכטן! זיי פארזיכטיג! שטיי שטענדיג אויף דער וואך!"

## פייער פארזיכטיגקייט

יעדער קען די ווערטער, אבער ווער היט אויף דעם?! נאכאנאנד הערן מיר באריכטן מיט שלעכטע נייעס פון מענטשן וואס האבן זיך נישט צוגעהערט צו אט די הדרכה. דא האבן מיר א מענטש וואס וויל אז זיינע קליינע קינדער זאלן מקיים זיין די מצוה פון נרות חנוכה - יעדער זאל האבן זיין אייגענע מנורה. שטייען זיי אזוי, די קליינע קינדער און צינדן אן זייערע חנוכה מנורות. דאס איז אויך תורה! הערליך! אבער דאן פארגעסט דער גרויסער צדיק פון די הדרכה אין די תורה און ער שפאצירט ארויס פון צימער.

אדער פאסירט ווען די פרוי צינדט אן די שבת לעכט. זי איילט זיך ארויס צו אנגרייטן צום שבת טיש און לאזט די קליינע קינדער זיך שפילן אין צימער וואו די לעכט ברענען. דאס איז א שרעקליכער חטא!

## דו זאלסט נישט הרג'נען

דער רמב"ם האט א חלק אין זיין ספר הלכות וואס ווערט גערופן 'הלכות רוצח ושמירת הנפש' - די הלכות פון

א רוצח און פון היטן דאס לעבן. איר הערט דאס? רציחה און זיכערהייט - וואס איז די פארבינדונג?

דער ענטפער איז, אז דער רמב"ם איז געווען א למדן; ער האט דורכגעלערנט די הדרכות אין די תורה און ער האט פארשטאנען אז דער באשעפער באפעלט אונז: אויב ביסטו נישט גענוג פארזיכטיג מיט די זיכערהייט פון מענטשן, דאן ביסטו א רוצח! אפילו אויב פאקטיש האט גארנישט פאסירט, פונדעסטוועגן האסטו עובר געווען אויף אן עבירה. מיר דארפן נישט קוקן אויף וואס עס האט למעשה פאסירט, נאר אויף וואס עס וואלט געקענט פאסירן. הלכות רוצח ושמירת הנפש זאגט אונז, דו ביסט אחריות אויף וואס עס וואלט געקענט פאסירן. און אויב חלילה פאסירן יא זאכן, ביסטו זיכער פאראנטווארטליך דערויף.

## ישיבה זיכערהייט

אט איז א מענטש וואס בויעט א ישיבה און ווען די רעגירונגס בנינים בעאמטע קומען אונטערזוכן די זיכערהייט מאסנאמען, קויפט ער זיי אונטער אז זיי זאלן אים נישט צופיל נאכזוכן אויב די זיכערהייט געזעצן ווערן איינגעהאלטן. געוויסע זאכן קאסטן אסאך געלט צו פארעכטן. אויך וויל ער נישט עס זאל געדויערן צופיל צייט וואס עס קען פארנעמען צו פארעכטן אלע פראבלעמען, ווייל ער וויל שוין עפענען די ישיבה; עס וועט דאך זיין ביטול תורה. טרעפט ער זיך א וועג ארויס. דאס איז א ווירקליכע מעשה.

אלזא, עס איז דארט געווען א פייער עמערזשענסי ארויסגאנג, אבער ער האט זיך נישט גענומען די מי ארויפצולייגן א טאוול, 'פייער ארויסגאנג'. האט פאסירט אז עס האט אויסגעפלאצט א פייער און געוויסע בחורים וואס זענען געשלאפן דארט אין דארמיטארי זענען געווען ניי געקומענע און זיי האבן נישט געוואוסט וואו ארויסצולויפן. זיי זענען ר"ל געבליבן שטעקן אין די פייער.

נאך א מעשה. ס'איז אמאל געווען א בחור אין א ישיבה וואס פלעגט זיצן ביים פענסטער שוועל אויף א פינפטע שטאק. אויף א פינפטע שטאק איז ער געזעסן ביי אן אפענעם פענסטער! ווי אזוי קען א בחור זיין אזוי נאריש און זיצן נעבן אן אפענעם פענסטער?! און ווי אזוי קענען מענטשן ארום זיין אזוי נאריש און דאס צולאזן?! נאך עטליכע וואכן בין איך פארביי די ישיבה איין אינדערפרי ווען א גרויסע גרופע פון מענטשן זענען געווען פארזאמלט ארום דעם בנין. וואס האט פאסירט? עטליכע בחורים האבן פארברענגט נעבן דעם פענסטער און איין בחור וואס איז דארט געזעסן איז ארויסגעפאלן. ער איז געפאלן פינף שטאק!

דערפאר, ווען אינגלעך שפילן און לויפן ארום אינדרויסן פון זייער חדר בנין, זאל דער מנהל ארויסגיין און זיי ארויפטרייבן אויפ'ן סיידוואלק (גאס טרעפל). דאס זעלבע דארף מען אכטונג געבן ווען אינגלעך גייען ארויף אויפ'ן דאך שפילן. אינגלעך האבן נישט אלעמאל שכל צו אכטונג געבן אויף זיך; זיי זענען נאכנישט צוגעוואוינט צו הארכן דעם באשעפער'ס הדרכה, דערפאר דארף מען נאכאנאנד האלטן אן אויג אויף זיי - ס'איז א גרויסער אחריות.

## אן אומשולדיגער וואלד שפאציר?

דאס זעלבע איז אויך מיט מיידלעך. עס זענען געווען א גרופע פון מיידלעך וואס זענען ארויסגעגאנגען פון א קעמפ מיט אן אנפירערין פון זיבעצן יאר אלט. א גרויסע חכמה. זי האט גענומען די מיידלעך צו ארויפקריכן אויף א בארג און איין מיידל איז אראפגעפאלן. זי האט געדארפט אריבערגיין צוועלף אפעראציעס צו קענען זיך צוריקשטעלן אויף די פיס. צי האט איינער קריטיקירט דעם מנהל פון אט די מיידל קעמפ וואס האט געשטעלט אזא יונגע מיידל אלס אנפירערין פאר די מיידלעך?

צי האט איינער באשולדיגט דעם מנהל וועלכער האט נישט אראפגעשיקט די בחורים וואס זענען געזעסן ביים אפענעם פענסטער? צי האט איינער באשולדיגט דעם בוי אונטערנעמער וועלכער האט משחד געווען דעם רעגירונגס בעאמטע? קיינער האט קיינעם נישט באשולדיגט. אבער דער באשעפער באשולדיגט, ער באשולדיגט די וואס איגנארירן די הדרכה פון די תורה.

## פארמאכן די פענסטערס

ס'איז געווען א מענטש, איך פלעג אים נאכאנאנד זען אויף עווניו זשעי. איך פלעג אים זען פון א גאס אוועק און איך פלעג פראבירן זיך אויסצובאהאלטן פון אים ווייל ער פלעגט צוקומען צו מיר און מיר זאגן זיינע תורות.

יעדן מאל וואס ער האט מיר געטראפן פלעגט ער זאגן דרשות, דרשות און נאך דרשות. ס'פלעגט געדויערן א האלבע שעה ביז איך האב זיך געקענט אפשאקלען פון אים. איך האב אים קיינמאל נישט געזאגט מיינע דרשות אבער ער האט מיר געזאגט זיינע.

איין טאג האב איך געהערט אז זיין אייניקל איז ארויסגעפאלן פון זיין הויז. 'אהא!' האב איך געטראכט, 'וואו זענען דיינע דרשות? דו ביסט אן עם הארץ גמור. ווי אזוי האט זי געקענט ארויספאלן פון דיין הויז? וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ - דו דארפסט מאכן א גדר ארום דיין דאך, כִּי יִפֹּל הַנֹּפֵל מִמֶּנּוּ - ווייל מענטשן קענען אראפפאלן דערפון. א פענסטער איז ווי א דאך. דו האסט נישט געוואוסט אז ווען אן אייניקל קומט, די ערשטע זאך דארף מען לויפן פארמאכן די פענסטערס? נאך אלעם, דאס איז די הדרכה אין די תורה!

## באשולדיג נישט דעם אייבערשטען

זאג נישט אז דאס איז געווען רצון ה'! באשולדיג נישט דעם באשעפער ווען דו איגנארירסט זיין הדרכה. אמאל איז א איד געקומען צו מיר און ער האט מיר דערציילט א מעשה. ער האט מיר געזאגט אז א משולח איז געקומען פון ארץ ישראל צו זיין הויז. האט ער אראפגעשטעלט פאר אים א הייסע גלאז טיי און ער איז ארויס מיט דעם משולח צום קיך אים צו געבן עפעס עסן. אינצווישן איז א קינד, א קליין אינגל, געקומען און אויסגעגאסן די הייסע גלאז טיי אויף זיינע הענט. זיי האבן געדארפט לויפן מיט אים אין שפיטאל.

איז דער איד געקומען צו מיר; ער איז געווען א פרומער איד, און ער האט געזאגט, "כ'ווייס אז דער באשעפער טוט אלעס מדה כנגד מדה - וואס איז די סיבה אז דער באשעפער האט מיר באשטראפט מיט דעם אז מיין זון האט זיך אפגעבריט און געדארפט אנקומען אין שפיטאל? וואס איז מיין חטא? אפשר שמירת הלשון אדער ביטול תורה?"

האב איך אים געענטפערט, "זוך נישט קיין אנדערע סיבות. באשולדיג נישט דעם באשעפער, באשולדיג זיך אליין." דאס שטייט אין פסוק (משלי יט:ג), אִוֶּלֶת אָדָם תְּסַלֵּף דַּרְכּוֹ - די נארישקייט פון מענטש טוט פארגרייזן זיין וועג, וְעַל הַשֵּׁם יִזְעַף לִבּוֹ - אבער ער איז ברוגז אויף דעם באשעפער. ער באשולדיגט דעם באשעפער. ער איז מיר געקומען פרעגן, האב איך אים געזאגט דעם אמת. "דו וואלסט געדארפט דארט בלייבן און אכטונג געבן אויף די הייסע טיי וואס דו האסט געלייגט אויפ'ן טיש. ווי אזוי קענסטו איבערלאזן א קליין אינגל אליין מיט הייסע טיי?"

און דאס זאגט דער באשעפער, וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם - ס'ווענדט זיך אין דיר אליין צו אכטונג געבן אויף זיך, אויף די וועלט. "דאס איז מיין הדרכה צו דיר," זאגט דער באשעפער, "און אויב דו וועסט מיר איגנארירן, אויב דו ווילסט זיין א גוֹי אֹבַד עֵצוֹת, דאן שפאנסטו דורך די וועלט אויף דיין אייגענער אחריות."

## ~~#3~~ האלט זיך שטיל

## פאר דיין פיזישע געזונט

נאך אן עצה; מיר האלטן אצינד ביי נומער דריי. די תורה לערנט אונז נאכאנאנד ווי אזוי צו אכטונג געבן אויף אונזער געזונט, אבער נישט אלעמאל איז עס פונקט ווי אזוי מיר וואלטן געטראכט. הערט צו וואס דער תנא האט געזאגט אויף די נושא (אבות א:יז).

כָּל יָמַי גָּדַלְתִּי בֵּין הַחֲכָמִים וְלֹא מָצָאתִי לַגּוּף טוֹב אֶלָּא שְׁתִיקָה - אלע מיינע טעג בין איך אויפגעוואקסן צווישן חכמים און איך האב נישט געפונען א בעסערע זאך פאר מיין גוף ווי שווייגן. ער האט נישט געזאגט פאר די נשמה; אין דעם איז קיין ספק נישטא אז עס איז גוט פאר די נשמה אויך, אבער דער חידוש פון די תורה איז אז שווייגן איז גוט פאר דיין געזונט!

געוויסע מענטשן שלינגען איין וויטאמינען, אנדערע מאכן איבונגען. קען זיין די אלע זאכן זענען גוט - כ'קען אייך נישט זאגן איבער דעם. אבער איין זאך ווייס איך יא - ס'איז נישטא עפעס בעסער פאר דיין געזונט ווי זיך צו האלטן שטיל. ס'איז מערקווירדיג צו הערן אזא הדרכה פון א תנא. ער זאגט אונז, אויב וועסטו האלטן דיין מויל פארמאכט, וועסטו לעבן לענגער.

## א גאלדענע עצה

און נישט נאר דער תנא זאגט אונז דאס. דוד המלך זאגט אויך אזוי! מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים... - אויב ווילסטו לעבן לאנג, נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע - היט אפ דיין צונג פון שלעכטס (תהלים לד:יד). דו ווילסט נישט ליידן אויף צוקער? דו ווילסט נישט האבן קיין הארץ אטאקע? מאך זיכער צו אפהיטן דיין צונג פון שלעכטס. נישט נאר לשון הרע - סיי וואספארא שלעכטס. וועסטו זאגן, "אה, קעגן שלעכטס? גוט, דאס קען איך טון." אבער ווי אזוי קענסטו היטן דיין צונג פון שלעכטס? אויב דו עפנסט דיין מויל צו רעדן סיי וואס, וועסטו רעדן אויך שלעכטס. דערפאר, נצור לשונך - היט אפ דיין צונג און האלט זיך שטיל; און אויב דו וועסט אפהיטן דיין צונג וועסטו זיך ראטעווען פון שלעכטס, פון אסאך שלעכטס און דו וועסט אויך לעבן לענגער. שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ - איינער וואס היט זיין מויל און זיין צונג, שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ - ער היט זיך פון צרות (משלי כא:כג).

די עצה, זאלסטו וויסן, איז א גאלדענע עצה און ס'איז ווערד צו ווערן ברייט באשמועסט. דאס איז נישט בלויז אן עצה טובה פון איינער וואס זאגט דיר אז ער האט עפעס געזען שטיין ערגעץ. דאס איז תורה הדרכה; ס'איז אין תנ"ך און אין משנה. ס'איז אין גמרא און אין פיל ערטער. דאס איז תורה הדרכה וואס ווערט נאכאנאנד איבערגע'חזר'ט.

## ביי א חתונה

איז טראכט ביי זיך, דו ווילסט אנהייבן צו איינהאלטן די דאזיגע תורה הדרכה. דו גייסט צו א חתונה, א שמחה, און דרייסט זיך צווישן די געסט און טראכסט, "איך וויל איינהאלטן די עצה, איז גיי איך פראבירן צו שווייגן היינט נאכט ווי ווייט מעגליך."

וועסטו זאגן, "מזל טוב," דאס איז א גוטע זאך צו זאגן; ס'איז א מצוה צו ווינטשן פאר א איד! אבער גארנישט מער. דו שפאצירסט ארום און שמייכלסט אבער איר זאגסט גארנישט אויסער "מזל טוב," "מזל טוב," "מזל טוב." און מער קיין נישט ווארט. דורכאויס דעם גאנצן אוונט האלטסטו זיך שטיל. דאס איז א גוטע אנהייב צו א לאנג לעבן; פראביר עס אויס.

## שפיל נישט מיט פייער

ס'איז א גוטע זאך צו טון ביי א חתונה, אבער פראביר עס אויך אינדערהיים. דארט איז עס נאך וויכטיגער ווי סיי וואו. רעד נישט אינדערהיים. דו ווייסט אז די משנה זאגט אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה - רעד נישט צופיל מיט א פרוי (אבות א:ה). מיר פארשטייען אז דאס גייט ארויף אויף א צווייטן'ס פרוי, חס ושלום, רעדט נישט צופיל. אויב רעדסטו מיט א צווייטנ'ס פרוי, שפילסטו זיך מיט פייער. אודאי דארף מען זיך פירן מענטשליך; אויב א פרוי שטעלט דיר אפ אויפ'ן גאס, "אה, מר. אזוי-און-אזוי, וואס מאכט מען ביי אייך - וואס טוט זיך עפעס?" ענטפערסטו, "ברוך ה', אין בעסטן ארדענונג. ברכה והצלחה," און דו גייסט ווייטער דיין וועג.

אפילו אויב דו טראגסט א פראפעסיאנאלער פאסטן, עס איז דיין ארבעט, זאלסטו וויסן אז גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ - דו ברענגסט אויף זיך שלעכטס (שם). איך קען מעשיות! שרעקליכע מעשיות! דו וועסט זיך טרעפן אין אסאך הייסע וואסער אויף די וועלט. און דאס איז נאר דער אנהייב פון די צרות. וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנֹּם - דו וועסט אויך נישט קענען אנטלויפן פונעם פייער אין גיהנם. דאס מיינט נישט אז דו וועסט דארט פארבלייבן אויף אייביג, אבער דו וועסט דארט דארפן באזוכן אויב דו רעדסט צו א צווייטן'ס ווייב. דערפאר, געב אכטונג - רעד נישט צופיל צו קיינעם, אבער זיכער זאלסטו נישט רעדן קיין סאך צו פרויען. פיר זיך מענטשליך אבער גיי נישט אריין אין קיין שמועסן, דאס אלעס.

## קאמוניקאציע פראבלעמען

אבער די עצה אין די תורה גייט ווייטער פון דעם. דאס איז א משנה, עס איז געזאגט געווארן דורך גרויסע חכמים; הערט צו וואס זיי זאגן: בְּאִשְׁתּוֹ אָמְרוּ - אפילו מיט דיין אייגענע ווייב זאלסטו נישט רעדן צופיל. אויב זי רעדט צו דיר אסאך, לאז איר רעדן. אבער דו רעד נישט צו איר צופיל. און די מפרשים ערקלערן פארוואס. הער דאס צו, די חכמים זענען געווען פיל קליגער פון אונז און איין טאג וועסטו איינזען וואספארא גוטע סיבה דאס איז. זאגן די מפרשים אז סיי וואס דו וועסט זאגן וועט זי דיר פארהאלטן דערוויף. זי וועט דיר מעגליך קריטיקירן

דערויף. זי קען דיר דערנידערן. סיי וואס דו וועסט זאגן אין אנוועזנהייט פון דיין ווייב וועט זי ניצן אלס מיטל צו האלטן אנדערש פון דיר - און דו קענסט זיך באנארישן און עפענען דיין גרויס מויל צו צוריקענטפערן.

און דערפאר, סיי וואס זאל זיין, גיי נישט אריין אין קיין לאנגע שמועסן ווייל פריער אדער שפעטער, אין מערסטנס פעלער, וועט עס ארייננגעצויגן ווערן אין א וויכוח און א וויכוח איז דער אנהייב פון צרות. ווייבער טראכטן אז 'קאמוניקאציע' איז אלעס. "מיר מוזן האבן קאמוניקאציע," זאגן זיי מיה. זיי רופן מיר אן אין טעלעפאן פון איבעראל, "ס'איז דא א קאמוניקאציע פראבעלעם; ער שמועסט נישט גענוג." דער פראבלעם איז אז זיי רעדן צופיל! דאס איז דער פראבלעם! די משנה זאגט אז ס'איז נישטא עפעס בעסער פאר דיין גוף און אויך פאר דיין ווייב'ס גוף - האלט זיך שטיל! און טו עס צוליב דעם וואס עס שטייט אין די משנה. האלט זיך שטיל!

## ווי אזוי צו רעדן

אודאי, אויב זאגט זי דיר עפעס, דארפסטו זיך לערנען ווי אזוי צו ענטפערן, איר צו טרייסטן און מחזק זיין. דאס מיינט נישט מ'זאל אינגאנצן נישט רעדן צווישן זיך; ער קומט אריין און פרעגט, "ווי אזוי גייט עס, שרה, ווי אזוי גייט עס?" ער שמייכלט צו איר - אפילו אויב זיין באלעבאס האט נארוואס געשריגן אויף אים און ער איז אנגעצויגן, מאכט ער א שמייכל און פרעגט, "חנה, ווי אזוי גייט עס היינט?" דו פרעגסט און זי רעדט זיך אפ איבער וויפיל ארבעט זי האט געהאט און ווי אזוי די קינדער האבן געווילדעוועט און זיך געקריגט, און דו הערסט אויס, און דאס איז עס.

ס'איז וויכטיג צווישן מאן און ווייב און צווישן יעדן איינעם: לעולם ירבה אדם בשתיקה - א מענטש זאל שטענדיג פארמערן צו שווייגן (רמב"ם דעות ב:ד). און אפילו אויב ער מוז רעדן, זאל ער רעדן בלשון קצרה, אין א קורצן וועג. אֶשְׁמְרָה לְפִי מַחְסוֹם - כ'וועל היטן מיין מויל ווי גלייך איך וואלט געהאט א מויל-שלאס (תהלים לט:ב).

## האלט עס פארשלאסן

שטעל זיך פאר דו זאלסט האבן א שלאס וואס פארשפארט דיינע צוויי ליפן. שפאר עס נישט אויף. דו ווילסט עס אויפשפארן? נעם צוערשט ארויס דעם שליסל פון דיין טאש. איידער דו רעדסט, נעם ארויס דעם שליסל פון טאש און טראכט: "זאל איך ענטפערן? אפשר דארף איך נישט ענטפערן?" און נאכ'ן עס איבערטראכטן, אויב דו באשליסט אז דו מוזט ענטפערן, דאן שפאר אויף דיין מויל און רעד.

א געוויסער מענטש וואס פלעגט קומען צו מיינע שיעורים פלעגט נישט רעדן איידער ער נעמט ארויס די שליסלען פון זיין טאש. ער האט זיך געלערנט א לעקציע! ער רעדט נאך אלץ אסאך אבער הכל ריווח וויפיל ער האלט זיך איין. אלזא, שפאר נישט אויף דיינע ליפן און דו וועסט לעבן א פרייליכערע און געזונטערע לעבן. דאס איז אן עצה גדולה אין די תורה.

# זוך שלום #4

## פאל נישט אריין אין גרוב

עצה נומער פיר אויף אונזער ליסטע איז פארבונדן צום פריערדיגן, פון האלטן דאס מויל פארמאכט. יעדער קען די מעשה פון קרח ועדתו. אלזא, ווען מיר הערן די מעשה פון קרח דארפן מיר ארייננטראכטן פארוואס די תורה שרייבט עס. די מעשה לערנט אונז עפעס; עס געבט אונז אן עצה פאר אונזערע אייגענע לעבנס.

מיר דארפן וויסן אז קרח איז נישט געווען קיין נאר; ער איז געווען א תלמיד חכם, א הייליגער מענטש. אבער א הייליגער מענטש דארף אויך אכטונג געבן! ס'איז אזוי גרינג צו ארייננפאלן אין א גרוב פון מחלוקת און דערפאר דארפן אפילו די חשוב'סטע מענטשן שטיין אויף דער וואך נישט צו נאכגעשלעפט ווערן פון דעם יצר הרע פון קנאה און אנדערע שלעכטע מידות.

אויף דעם איז קרח אונזער ביישפיל. "איך געב אייך דא גוטע הדרכה," זאגט דער באשעפער צו אונז: לֹא יִהְיֶה כְקֹרַח וְכַעֲדָתוֹ - "מיינע קינדער, איר זאלט נישט זיין ווי קרח און זיין עדה." (במדבר יז:ה) עס איז געשריבן אין די תורה אויף דעם אופן - "איר זאלט נישט זיין..." כדי דו זאלסט ארויסנעמען די עצה טובה פון חומש און עס ארייננלייגן אין דיין קאפ.

## פארשולדיג זיך נישט מיט מחלוקת

אויב דו זעסט מחלוקת, שטיי אוועק דערפון. דו וועסט זיך נאר אנמאכן פראבלעמען אויב דו וועסט אנטייל נעמען. דאס איז א טראגישער טעות זיך אריינצומישן. עס איז פייער! ערגער ווי פייער! עס איז פייער פון גיהנם צו ווערן אריינגעמישט.

אודאי איז דער ערשטער מוסר השכל פון די מעשה פון קרח נישט צו רעדן קעגן תלמידי חכמים, גדולי ישראל. ווען קרח האט זיך ארויסגעשטעלט קעגן משה רבינו האט ער געמאכט דעם ערגסטן איסוואל קעגן וועמען זיך צו קריגן ווייל שֹׂנְאֵי צַדִּיק יֶאְשָׁמוּ : - אויב דו האסט פיינט א צדיק, וועסטו זיך זייער שטארק פארשולדיגן (תהלים לד:כב). אבער מיר פארשטייען אז וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים - אלע פרומע אידן זענען צדיקים. פרומע אידן זענען זיך מוסר נפש פאר תורה. עס קאסט זיי אסאך שכר לימוד פאר זייערע קינדער. זיי וואלטן געקענט שיקן אין פאבליק סקולס אבער זיי ארבעטן שווער צו באצאלן גרויסע סומעס געלט פאר שכר לימוד און פאר דעם אליין קומט זיי געוואלדיגע קרעדיט. וְעַמֵּךְ כֻּלָּם צַדִּיקִים - די פרומע אידישע פאלק זענען אלע צדיקים און דערפאר, אנטלויף פון מחלוקת מיט פרומע אידן.

## די וועלט איז א הו-הא

נישט נאר פון די גרויסע מחלוקת וואס זענען באשריבן אין די צייטונגען, נאר אויך אין דערהיים. אנטשולדיגט מיר פאר'ן זאגן, אז דאס איז א תורה עצה וואס מענטשן טוען זייער אפט איגנארירן. זיי זוכן געלעגנהייטן צו מאכן קריגערייען. שוויגער עלטערן קריגן זיך מיט זייערע שנורן און פארקערט. און די וועלט איז א הו-הא! ס'קאכט זיך. די וועלט איז א טאפ אויפ'ן פייער. עס קאכט זיך מיט מחלוקת אין פאמיליעס. ס'איז געפערליך וואס עס שפילט זיך אפ. איר זענט אפשר נישט אזוי באקאנט דערמיט אבער איך ווייס יא. מיין טעלעפאן הערט נישט אויף צו קלינגען מיט אזעלכע מעשיות. מחלוקת! מיט וועמען? מיט יעדן.

דא איז דא א מענטש וואס קריגט זיך מיט זיין ווייב; אנשטאט צו זוכן שלום, קריגט ער זיך. זיין ווייב איז א פיינע פרוי, זי איז געטריי און ערפילט אלע אירע אויפגאבעס אבער פונדעסטוועגן קריגט ער זיך מיט איר. ער האט שלעכטע מידות טרעפט ער אויף וואס זיך צו קריגן. און אויב ער הייבט אן, קריגט זי זיך צוריק. זענען זיי פארנומען זיך צו קריגן.

## א נאכאנאנדער טייל פון לעבן

אלזא, אויב קריגן זיי זיך, שלעפט עס אריין דעם שווער. זי דערציילט פאר איר טאטע. באטייליגט ער זיך אויך אין די מחלוקת! ער איז אויך א חכם, א גרויסער חכם. און פארשטייט זיך, זיין מאמע האט שוין געהאט טענות גלייך ווען זי האט געזען איר שנור. זי האט זיך גלייך אנגעהויבן צו קריגן נאך איידער זי האט אפילו געהאט איבער וואס זיך צו קריגן. און אזוי ווערט עס אלץ מער פארפלאנטערט. ס'איז געפערליך וואס עס קומט פאר! קריגערייען אין משפחות!

געוויסע מענטשן קריגן זיך מיט שכנים. מענטשן דערציילן מיר אז זייערע שכנים צעשטערן זייער לעבן להעכיס. עס זענען דא אלע סארטן דוקא'דיגע זאכן. איך בין געווען א מתפלל און א רב אין ארום זיבן, אכט קהילות און איך האב צוגעזען מחלוקת א גאנצע צייט. דאס איז איינע פון די זאכן וואס באציכענען א קהילה. פונקט ווי עס קומען נאכאנאנד פאר תפילות בציבור, אזוי קומען נאכאנאנד פאר מחלוקת. אין די קהילה, צווישן די קהילה און די שכנים, צווישן קהילות; מחלוקת וואו מ'גייט.

## דער געפאר פון קריגערייען

אודאי איז עס צווישן די גוים טויזנט מאל ערגער. ווייל ווען א גוי מאכט א מחלוקת, ציט ער ארויס זיין מעסער. דאס איז זייער א גרינגער וועג צו ענדיגן וויכוחים.

צווישן אידן גייט עס נישט אזוי ווייט אבער ווי עס שטייט אין משלי קענען ווערטער זיין ערגער ווי שווערדן. הֵם יָרְדוּ חַדְרֵי בָטֶן - ווערטער גייען אראפ אין די טיפענישן פון די געדערים (משלי יח:ח). מענטשן ווערן קראנק פון מחלוקת. איך קען דערציילן מעשיות אויף מעשיות. מענטשן וואס זענען קראנק געווארן אויף צוקער צוליב מחלוקת. איך ווייס פון מענטשן וואס זענען אוועק פון די וועלט דורך הארץ פראבלעמען צוליב זייערע ווייבער; זיי

זענען געשטארבן אינמיטן א וויכוח מיט זייערע ווייבער. איבער די גאנצע וועלט פארלירן מענטשן זייער ארבעט צוליב מחלוקת; זיי פארלירן קונים און אויך פריינט.

אלזא, בקש שלום - מאך עס א יסוד אין לעבן צו זוכן פרידן. דערפאר רופן מיר די עצה "בקש שלום" - זוך פרידן מיט יעדן.

## זיי נישט קיין עסיג

עס איז דא א ווארט, "טויזנט פריינט איז צו ווייניג און איין פיינט איז צופיל." איר הערט די חכמה? דאס מיינט, זיי פארנומען מיט איינקויפן גוטע פריינט. אפילו צו גוים פיר זיך פריינטליך. כ'האב אמאל שפאצירט אויפ'ן גאס איז א יונגער פאטריקאנער גוי, זיבעצן יאר אלט, צוגעקומען צו מיר און אנגעהויבן זאגן דברי חירופים. האב איך אים ארומגענומען מיט מיין ארעם און געזאגט, "אה, איך האב דיר נישט געזען א לאנגע צייט." מיר האבן צוזאמען אנגעהויבן צו גיין אין גאס אזוי; ער איז געבליבן שטיל. ביים ווינקל פון גאס האב איך אים געזאגט, "ס'איז גוט געווען דיר צו זען נאכאמאל," און איך האב אוועקשפאצירט. אט אזוי דארף מען האנדלען מיט שונאים.

די וועלט זאגט, 'א טראפ האניג קען ארייננכאפן מער פליגן ווי א גאלאן עסיג.' דאס מיינט, אויב ווילסטו כאפן פליגן, דאס מיינט פריינט, זיי ווי האניג. זיי נישט קיין עסיג ווייל דו וועסט גארנישט פארדינען דערפון, נאר דאס אז דו וועסט צעביסן ווערן פון אלע זייטן.

דאס איז איינע פון די יסודות אין די תורה (משלי ג:יז): דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם. אזוי וויל דער באשעפער מיר זאלן לעבן; ער וויל מיר זאלן לעבן פרייליך, מיט שלום. דו פאלגסט אויס די הדרכה פון די תורה ווען דו קומסט זיך אויס מיט דיינע ברידער. הִנֵּה מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים שֶׁבֶת אַחִים גַּם יָחַד (תהלים קלג:א). געוואוין זיך איין צו זיין פריינטליך צו דיינע פאמיליע מיטגלידער. און אויב זיי פארשעמען דיך, פארגעס דערפון. מאך זיך נישט ווויסנדיג. אויב זיי האבן דיר בא'עוולה'ט, פארגעב זיי.

אין מיין ערשטע קהילה אלס רב בין איך אמאל געשטאנען שבת נאכמיטאג אין קארידאר פאר'ן זאגן מיין דרשה. א מענטש איז אריינגעקומען און מיר פארבייגעגאנגען. א טאג דערויף האט ער מיר פאר'מסר'ט פאר די ראשי קהילה אז איך האב אים נישט באגריסט 'א גוט שבת'. קעגן די פארזאמלונג פון אלע ראשי קהילה האט ער זיך אפגערעדט: "דער רב האט מיר נישט געזאגט 'א גוט שבת'." איך בין נאך דאן געווען א נייער רב. דער פרעזידענט פון די קהילה איז צוגעקומען צו מיר און געפרעגט, "איז דאס אמת?" האב איך געענטפערט, "כ'מיין אז כ'האב אים יא געזאגט 'א גוט שבת'." איך בין געווען ערשטווינט. איך האב געטראכט, 'אזא חוצפה מיר צו באשולדיגן אומזיסט, נאכדערצו קעגן אלע ראשי קהילה!' כ'האב אים אבער גארנישט געזאגט.

דריי חדשים שפעטער האט זיך דער זעלבער מענטש אויפגעשטעלט ביי א פארזאמלונג פון אלע ראשי קהילה און אפעלירט אז מ'זאל מיר העכערן דאס געהאלט. קיינער האט פריער נישט געטראכט צו העכערן מיין געהאלט; ער איז געווען דער ערשטער. א יאר שפעטער האט ער מיר נאכאמאל געהעכערט, דער זעלבער מענטש.

אלזא, עס לוינט זיך צו צוהערן צו די הדרכה פון די תורה; עס לוינט צו מאכן פריינט און נישט פיינט. דאס איז זייער א וויכטיגע עצה: בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ.

## שמייכל! #5

## איגנאריר נישט אנדערע

נאך אן עצה טובה, מיר האלטן אצינד ביי נומער פינף. אין פרקי אבות (ג:יב) שטייט, הֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה - איר זאלט באגריסן יעדן מיט פרייליכקייט. דאס איז א משנה; דו זאגסט עס, דו לערנסט עס, אבער דו טוסט עס טאקע? דאס איז הדרכה פון די תורה, אבער צי ביסטו עס מקיים? פראביר עס איין מאל. דו זעסט איינער קומט דיר אנטקעגן, דו דערמאנסט זיך אינעם פסוק אין די היינטיגע פרשה: "זייט נישט א מענטש וואס נייגט אפ פון די תורה עצות." און דו טראכסט, "הנני מוכן ומזומן, איך גרייט זיך יעצט צו מקיים זיין די משנה."

עס איז דא איינער אין ישיבה וואס גייט מיר פארביי כמעט יעדן טאג. איך באגריס אים אבער ער קוקט אפילו נישט אויף מיר. ער פראבירט נישט מיר צו איגנארירן - ער איז פשוט נישט אויפמערקזאם. ער איז נישט

מחונך. ער האט זיך קיינמאל נישט טרענירט, כאטש ער איז שוין נישט קיין יונגערמאן. אפשר קוקט ער אויף מיר. קען זיין ער שאקלט עפעס מיט'ן קאפ, אבער איך וואלט געדארפט האבן א פארגרעסערונגס גלאז צו זען דעם עקסטערן קאפ שאקל צו מיר, ווייל ער שאקלט זיין קאפ א גאנצע צייט בשעת ער גייט. איז גייט ער מיר פארביי און איך דארף זיך פארשטעלן אז אצינד האט ער עטוואס מער געשאקלט מיט'ן קאפ. עס פאדערט אסאך פאנטאזיע. יעדן טאג זע איך עס, דער מענטש האט נישט קיין דרך ארץ. ער איז נישט אויסגעלערנט געווארן - אויב א מענטש גריסט דיר, דארפסטו אנערקענען די באגריסונג.

## דריי נקודות

כאטש אזויפיל. דאס איז דער מינימום; ס'איז א פשוט'ע עצה. עס זענען אבער דא נאך פרטים צו די הדרכה. אן אנדערע משנה לייגט צו די פרטים: הֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת - איר זאלט באגריסן יעדן מענטש מיט א פריינטליך געזיכט (אבות א:טו). אלזא, מיר דארפן גוט דורכלערנען די ווערטער - נאך אלעם איז עס א משנה; ס'איז נישט בלויז א פארציע מוסר וואס איינער פון לעצטן דור האט געשריבן.

אצינד, וואס שטייט דא? עס שטייט דריי זאכן: סבר און פנים און יפות. און יעדע פון די דריי ענטהאלט א לימוד פאר זיך.

ערשטנס, לאמיר נעמען 'פנים'. דו דארפסט באגריסן א צווייטן מיט דיין פנים. אויב דו גייסט פארביי איינעם וואס דו קענסט, ווייז אים דיין פנים. דאס איז נומער איינס. אלזא, ווען דו קומסט אהיים און דיין מאמע שטייט אין קאך ביים גאז, ווייז איר דיין פנים. ווייז איר נישט דיין רוקן אדער אויער. און ווען דיין טאטע קומט אריין אין הויז, נאך א גאנצן טאג וואס ער האט געארבעט פאר דיינעט וועגן - פאר דיר! - טו אים די טובה, די קליינע טובה פון זיך ארומדרייען און אים ווייזן דיין פנים. נישט דיין געשטעל; דער פארנט פון דיין פנים! כאטש אייןווארט פון די משנה זאלסטו ערפילן! פנים!

## אלעס ליגט אינעם אויסדרוק

דער צווייטער פרט איז 'סבר'. דער ווארט סבר קומט פון לשון סברא, עס מיינט טראכטן. סבר באדייט, אז דו האסט אן אויסדרוק אויף דיין פנים, אן אויסדרוק פון אינטערעסע. אויב דו ווייזט בלויז דיין פנים, אן אויסדרוקסלאזער פנים, דאס איז נישט גענוג. דאס איז ווי דו זאלסט אויפהייבן א פענדל (טאָ"פ) בשעת איינער גייט דיר פארביי און דו ווייזט אים דעם אונטערשטן טייל פונעם פענדל. צומאל קען דיין פנים אויסזען גארנישט אנדערש ווי דער אונטערשטער טייל פון א פענדל. דו דארפסט ווייזן אז דו טראכסט פון אים, אז דו האסט עפעס אן אינטערעסע אין דעם מענטש.

און די דריטע זאך איז 'יפות'. דער אויסדרוק וואס דו ווייזט זאל זיין אן אנגענעמער אויסדרוק. עס זאל ווייזן אז עס גייט דיר אן פון אים. וואס איז דען אנגענעמער ווי א ווארעמער שמייכל וואס באווייזט אז דו טראכסט פון מיר?!

אלזא, אויב ביסטו נישט זיכער אז דו טוסט עס ריכטיג, וועל איך דיר געבן א היתר זיך צו שטעלן פארנט פון א שפיגל און עס פראקטיצירן. דו ווילסט נישט קוקן אין שפיגל? איז פראקטיציר עס אויף דיין ארעמע ווייב אדער דיין ארעמע מאמע. ס'איז גארנישט קיין גליק צו וואוינען אין זעלבן הויז מיט א באבלאזענער. גלייבט מיר, זיי קענען ניצן אביסל פון דיין פריילעכקייט אמאל, אמאל.

## די בעסטע מתנה

אויף דעם וועג וועסטו מאכן מענטשן פרייליך. טו נישט אונטערשאצן וואס א שמייכל, וואס אן אנגענעמער פנים, קען טון פאר אנדערע. דו דערפרייסט זיי ווייל א שמייכל גייט אריין אין די נשמה פון א מענטש. עס געבט אריין אין א מענטש חיות; עס געבט אים לעבן ממש, ווייל ווען דו קוקסט אויף איינעם מיט אן אנגענעמער פנים, דאס איז דער בעסטער קאמפלימענט. עס ווייזט אז דו ביסט ערנסט אינטערעסירט אין אים, אז ער מיינט עפעס צו דיר. דו ווייזט אינטערעסע אין אים, עס גייט דיר אן פון אים, און דאס איז דער טיפסטער וואונטש פון א מענטש. יענער גייט נישט בודק זיין דיינע מאטיוון. דאס גאנצע וואס ער וויל איז פרייליכקייט, און דו געבסט אים דאס. דערפאר האט ער דיר ליב.

אלזא, שפרייט אויס א שמייכל צו איינער וואס גייט דיר פארביי; בפרט אויב ער באגריסט דיר. און ווען דו וועסט איינזען ווי לייכט עס קומט אן צו מאכן מענטשן פרייליך און ווי אזוי דו קענסט דערלייכטן א צווייטן'ס פנים, וועסטו אנהייבן און קיינמאל זיך נישט אפשטעלן. א פריינטליכער שמייכל, א פנים פון שמחה, איז גאנץ אפט די בעסטע מתנה וואס דו קענסט געבן פאר א צווייטן. און ס'איז אזוי גרינג צו טון.

דאס איז א גוטע עצה וואס וועט דיר איבערדרייען צו זכאי. ווייל צי ווייסטו וואס דו באקומסט דורכדעם? עס שטייט, במדה שאדם מודד בה מודדין לו. ווי אזוי א מענטש פירט זיך צו אנדערע, אזוי פירט זיך דער באשעפער צו אים. דאס מיינט, אז אויב דו מאכסט אז דיין געזיכט זאל שיינען צו אנדערע, אויב דו באלייכסט מענטשן מיט א זונען שיין דורך שמייכלען צו זיי, וועסטו גורם זיין אז פון אויבן וועט דער באשעפער לייכטן זונען שיין אויף אויף דיר.

ער וועט שמייכלען צו דיר, ווייל דו טוסט פונקטליך דאס וואס ער וויל עס זאל געטון ווערן אויף די וועלט. מאכסט פרייליך דעם באשעפער'ס מענטשן און דורכדעם ברענגסטו דערצו אז פון הימל זאל ערוועקט ווערן די מדה צו שמייכלען צו די מענטשן דא אונטן. דו וועסט באקומען שכר מדה כנגד מדה. נאר נאכמער, דעם באשעפער'ס שמייכל לאזט א פיל שטארקערער איינדרוק ווי אונזער'ס. דערפאר, איז נישטא קיין גרינגערע און מער פראדוקטיווע געוואוינהייט; עס איז נישטא קיין בעסערע עצה ווי צו שמייכלען צו יעדן.

## דאווענ נאכאנאנד #6

### איידער די צרה

עצה נומער זעקס: לייג צו קאפ צו די פיר ווערטער פון הדרכה ווייל זיי וועלן דיר גוט צוניץ קומען אויף ביידע וועלטן. ווען איוב האט געליטן זיינע יסורים, ווען ער איז שוין געווען אויף געהאקטע צרות, האבן זיינע פריינט אים געזאגט אזוי: (לו:יט) הֲיַעֲרֹךְ שׁוּעֲךָ לֹא בְצָר - צי האסטו אנגעריכט דיינע תפילות ווען דו ביסט נאכנישט געווען אין ענגשאפט? איר הערט די באשולדיגונג צו איוב? "צי האסטו געדענקט צו רופן צום באשעפער ווען אלעס איז נאך געגאנגען גלאטיג?" דאס מיינט, אז מיר זענען ערווארטעט צו דאווענען צום באשעפער איידער די שוועריקייטן קומען.

אין מסכת סנהדרין (מד:) ווערט געגעבן די זעלבע הדרכה: לעולם יקדים תפילה לצרה - א מענטש זאל אלעמאל זיכער מאכן צו דאווענען איידער די צרות קומען אויף אים.

און עס קען זייער מעגליך זיין אז אויב וואלטסטו אזוי געטון, וואלט אלעס אנדערש געווען.

דער פראבלעם מיט וואס דו ספראוועסט זיך, און יענער פראבלעם, דער באדערפעניש און יענער באדערפעניש - ווער ווייסט וואס וואלט געווען אויב וואלטסטו אויסגעפאלגט אט די תורה הדרכה, אז דער בעסטער צייט צו מתפלל זיין איז איידער דו טרעפסט זיך אין א פלאנטער. ווייל ווען א מענטשווארט ביז עפעס פאסירט חס ושלום און דאן וויינט ער צום באשעפער, עס העלפט, אבער עס טוט נישט אויף דאס זעלבע ווי ווען מען שרייט צום באשעפער ווען זאכן גייען גוט.

### שטענדיג! שטענדיג! שטענדיג!

מיר וועלן עס דורכלערנען אביסל באריכות כדי מיר זאלן דאס פארשטיין אין א פראקטישן אופן. אין מסכת שבת (לב.) רעדט די גמרא איבער א געזונטער מענטש און מען זאגט צו אים: לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה - א מענטש זאל אלעמאל מתפלל זיין צום באשעפער אז ער זאל נישט קראנק ווערן. און טאקע, דאס איז א גוטע עצה און איר זאלט דאס טון.

לעולם מיינט שטענדיג. שטענדיג, שטענדיג, שטענדיג, אפילו ווען דו שפירסט זיך אין בעסטן געזונט, זאלסטו דאווענען צום באשעפער אז דו זאלסט בלייבן געזונט. נישט נאר ביי שמונה עשרה. אפילו ווען דו ביסט ביי דיין ארבעט, אין דיין אפיס; קיינער הערט נישט, גיי צו א טעלעפאן בודקע, הייב אויף דעם טעלעפאן און רוף צום באשעפער. "באשעפער, איך בעט דיר, איך זאל בלייבן געזונט." ער הערט. כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ - דו הערסט צו! דער באשעפער הערט צו! דער באשעפער האט זייער ליב מענטשן וואס דאווענען צו אים ווייל עס ווייזט אז דו פארשטייסט אז דער באשעפער פירט די וועלט. און ער וועט דיר העלפן! הקדוש ברוך הוא זאגט, "קוק אויף דעם

מענטש! ער איז געזונט און דאך איז ער מתפלל צו מיר, וועל איך טאקע זיכער מאכן ער זאל בלייבן געזונט.״

## דער ווירקזאמסטער מעטאד

אודאי, ווען דו ביסט אלט און דיינע ביינער טוען דיר שוין וויי און דיינע אויגן זענען פארנעפלט און דיין מאגן ארבעט נישט ווי ס׳דארף צו זיין; אסאך פראבלעמען מוטשען דיר יעצט און דו שרייסט צום באשעפער, דאס איז אויך גוט. ס׳איז זייער א גוטע זאך! אבער וויפיל בעסער וואלט געווען אויב ווען דו ביסט נאך געווען פול מיט קראפט און דיינע ביינער יונג און פריש און אלעס האט געארבעט גוט, און דאן וואלטסטו אויסגעשריגן צום באשעפער. לעולם! שטענדיג! דו וואלטסט דורכדעם דערהויבן געווארן און דו וואלטסט אויך געווען געזונטער.

דאס איז וואס איוב׳ס פריינט לערנען אונז! הֲיַעֲרֹךְ שׁוּעֲךָ - צי האסטו אנגעריכט דיינע תפילות, דיינע געבעטן לֹא בְצָר - ווען דו ביסט נאכנישט געווען אין ענגשאפט. אט שפאצירסטו אראפ די גאס געזונטערהייט, מיט געזונטע פיס און געזונטע לעבער און די הארץ און דו דערמאנסט זיך וואס מיר האבן דא געלערנט: לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה - ס׳איז שטענדיג גוט צו דאווענען אז מ׳זאל נישט קראנק ווערן, זאגסטו צום באשעפער, ״רבונו של עולם, איך בעט דיר, העלף איך זאל בלייבן געזונט!״ דאס איז טויזנט מאל בעסער, טויזנט מאל מער ווירקזאם ווי ווען איינער איז חס ושלום קראנק און ער שיקט בריוולעך צו די ישיבות אין ארץ ישראל, ״ביטע, רייסט רייסט איין פאר מיר ביים כותל המערבי און ביי קברי צדיקים,״ און אזוי ווייטער.

## די בעסטע צייט

די בעסטע צייט צו דאווענען איז ווען מ׳איז נישט אנגעוויזן דערין; דאן איז ווען דער באשעפער באלוינט דערפאר אמערסטנס. די ווירקזאמסטע תפילות פאר א געזונטע הארץ איז ווען דו ווייסט אפילו נישט אז דו פארמאגסט א הארץ - ווען עס ארבעט אזוי גוט אז דו ביסט בכלל נישט באוואוסטזיניג אז ס׳ליגט אין דיר, דאן איז די צייט צו בעטן, ״אוי רבונו של עולם! איך בעט דיר אז מיין הארץ זאל ווייטער פונקציאנירן! ביטע, ביטע, עס זאלן נישט פארשטאפט ווערן קיין רערן!״ אויב טוסטו אזוי, איז דאס די בעסטע הארץ מעדיצין.

דאוון אז דיינע נירן זאלן חס ושלום קיינמאל נישט אפשטארבן, ווייל דאן איז שוין שווערערן צו פועל׳ן. אבער צו מתפלל זיין ווילאנג די נירן ארבעטן געזונטערהייט - אזוי געזונט אז דאס גאנצע וואס דו ווייסט פון נירן איז וואס דו לייענסט אדער דו זעסט בילדער ביי די אפטייק פענסטערס - דאס איז די בעסטע תפילה.

## דער גרעסטע שונא

אלזא, ווען דו שפאצירסט אראפ די גאס, דו זעסט קארן פארן אריבער און דו דערמאנסט זיך צו דאווענען פאר שלום. אן אנגעלייגטער טראפיק, דרך אגב, איז דער גרעסטער שונא. פון אלע קרענק, איז טראפיק די ערגסטע. ס׳איז עפעס אויך וואס דו דארפסט דאווענען און דו קענסט קיינמאל נישט ענדיגן דאווענען דערויף ווייל ס׳איז א שטענדיג אנגייענדער מציאות און אן אפענע סכנה. מענטשן מיינען אז צו דאווענען פאר שלום איז בלויז א פארמאליטעט - מיר האלטן עס אין רעזערוו, ווען עס וועט אויסברעכן א מלחמה, חס ושלום, אדער ריאטן אויף די גאסן, דאן וועלן מיר אפיר נעמען אונזערע שלום תפילות און זיי אפשטויבן און ווערן פארנומען דערמיט. אה ניין! מיר דארפן אלעמאל בעטן דעם באשעפער פאר הילף; יעדן טאג און פיל מאל דורכ׳ן טאג. גייענדיג אין גאס, זאג, ״רבונו של עולם, העלף מיר אריבערגיין די גאס.״ דו דארפסט האבן סייעתא דשמיא צו אריבערגיין די גאס. און די בעסטע צייט צו בעטן דערפאר איז איידער דו גייסט אריבער די גאס, פאר דו פאלסט אריין אין א געפאר.

אין דיין קאר נאך פיל מער. איך רעד נישט יעצט פון תפילת הדרך.ווארט נישט צו גיין חוץ לעיר, צו אריבערפארן א בריק צווישן שטעט. דאן איז ווען דו דארפסט זאגן א ברכה מיט׳ן שם ומלכות. אבער אפילו ווען דו זיצט אין קאר און דו פארסט בלויז א שטרעקע פון עטליכע גאסן, זאלסטו דאווענען. דו ווייסט וואס עס קען חס ושלום פאסירן לענגאויס די צוויי גאסן? בעט דער באשעפער זאל דיר שיקן הצלחה. בעט דער באשעפער זאל באגלייטן דעם דרייווער מיט הצלחה. ווען איך פאר אין א קאר מיט א צווייטן, טראכט איך א גאנצע צייט, ״רבונו של עולם ראטעווע אונז! ראטעווע אונז, ראטעווע אונז!״ דער דרייווער ווייסט נישט אז דאס איז וואס איך טראכט - ער וועט ווערן נערוועז אויב ער זאל מיר הערן דאס זאגן. איך בין גראדע נישט קיין דערשראקענער סארט, אבער איך האב געהערט די תורה הדרכה און איך פיר עס אויס.

דאס איז א וואונדערליכע שטיקל פון הדרכה; איך וואלט געדארפט נעמען געלט דאס צו איבערגעבן, ווייל אויב האב איך אייך אמאל געזאגט א ווערדפולע זאך, איז עס דאס - דער געוואלדיגער ענין פון בעטן דעם באשעפער פאר עפעס נאך איידער עס ערוועקט זיך דער באדערפעניש. דאווען צום באשעפער פאר גוטע געזונט, פאר פרידן, פאר פרנסה. פאר אלעס, ווילאנג דו האסט עס נאך.

## #7 אנערקען דיין גוטן מזל

### געזונט איז א פארמעגן

למעשה, דו ווערסט נאר קענען מתפלל זיין אויף וואס דו פארמאגסט שוין אויב דו ווערסט אנערקענען דעם אוצר אויף וואס דו זיצט. און דאס ברענגט אונז צו עצה נומער זיבן: עס שטייט אין תהלים, אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל - וואויל איז דעם וואס טראכט פונעם ארעמאן (מא:ב). דער פסוק געבט אונז דא אן עצה - אויב דו ווילסט זיין פרייליך, טראכט פון די ארעמע. טראכט איבער די ארעמע ווערסטו אנהייבן איינזען ווי רייך דו ביסט.

אבער, לאז דיך נישט נארן פון דאס ווארט "ארעם". עס זענען דא פיל אופנים פון ארעמקייט. די גמרא זאגט, אין דל אלא חולה - נישטא נאך אן ארעמאן ווי א קראנקער; דאס מיינט, אויב ביסטו נישט קראנק, ביסטו נישט ארעם. דו הערסט דאס? אויב ביסטו געזונט, ביסטו רייך. "געזונט איז רייך," פלעגט מען זאגן א ווערטל.

אלזא, די גמרא זאגט דאס מיט א ציל; דו דארפסט הערן די הדרכה און עס נאכפאלגן. און אויב דאס איז דער פאל, איז איינע פון אונזערע וויכטיגסטע אויפגאבעס אין לעבן צו אנערקענען וויפיל גוטס דער באשעפער טוט מיט אונז - צו זיין א שמח בחלקו, זיך צו פרייען מיט וואס דו האסט, דורכ'ן זיין א משכיל אל דל.

### די ביסט א ביליאנער

אויב דו שפירסט זיך אצינד ביים פולן געזונט, זאלסטו וויסן אז דו ביסט א ביליאנער - נישט א מיליאנער; א ביליאנער! אזוי דארפסטו שפירן. ס'איז נישטא נאך אזא גוטע זאך ווי זיך צו שפירן געזונט. דו דארפסט צען טויזנט זאכן, הונדערט טויזנט זאכן, דיר צו מאכן געזונט און דו האסט דאס אלעס. דאס מיינט אז דו ביסט רייך; נאר דו האסט עס נאכנישט אנערקענט.

דאס פאדערט אן עבודה. מ'קען נישט ווערן רייך אן צו ארבעטן דערויף; דאס מיינט אז דו קענסט נישט זיין א משמח בחלקו נאר אויב דו הייבסט אן צו ארייינטראכטן וואספארא בר מזל דו ביסט. דער באשעפער וויל מיר זאלן נאכאנאנד זיין באוואוסטזיניג צו אונזער גוטן מזל - דאס איז איינע פון די יסודות האמונה - און איינע פון די עצות ווי אזוי דאס צו דערגרייכן איז דורך די אנווייזונג, "ווי גוט איז צו טראכטן איבער דעם דל."

דו גייסט אין גאס און דו זעסט א צעבראכענע מענטש איבערגעבויגן, באקליידט מיט שמאטעס, אלעס וואס ער פארמאגט ליגט דערין. ער איז א גייסטיש נישט געזונט; ער שלאפט אויף די באן שינעס. ער שלאפט נישט. די שלעפערס קומען און שטערן אים. ער האט נישט קיין מנוחה. דורכ'ן טאג זיצט ער אין פארק און פראבירט צו שלאפן. ער קען נישט איינשלאפן, ער קען אראפפאלן פון באנק. ער איז א רחמנות! ס'איז א צרה. וואו טוט ער זיך ארומוואשן? נישטא קיין באד; פארגעס דערפון. וואו גייט ער אין בית הכסא? ער דארף טרעפן וואו צו גיין. ס'איז א רחמנות; עס צעברעכט דאס הארץ צו זען אזא זאך. ער פארמאגט גארנישט.

אבער דו? דו האסט א הויז; דו האסט א היים, א דאך איבער'ן קאפ. ווען דו גייסט אריין איז דארט ווארעם אינמיטן ווינטער. און דו קענסט פארשפארן די טיר מיט א שלאס; דו ביסט אפגעהיטן. דערוויל זענען מיר אפגעהיטן אין אונזערע היימען. מיר דארפן דאס שעצן ווילאנג עס האלט אן. דו האסט א בעט. נישט נאר א בעט - דו פארמאגסט א מאטראץ און א קישן! דו האסט וואסער פון קראן; אפילו הייס וואסער ווען דו ווילסט. דו האסט א בית הכסא און א פריזשידער. דו האסט אלעס. טראכט פון די ארעמע מענטש וואס פארמאגט גארנישט.

טראכט פון די מענטשן וואס זענען ל"ע אזוי קראנק אז זיי קענען נישט שלאפן א גאנצע נאכט. זיי קענען נישט איינרוען; זיי האבן יסורים. עס זענען דא מענטשן וואס דארפן אריבערגיין געפארפולע אפעראציעס. מענטשן וואס זענען באהאפטן צו לעבנס מאשינען. דו קענסט אטעמען. ברוך ה' דו קענסט ארומגיין. דו ביסט א פרייער מענטש. דו ביסט געזונט. ברוך ה', וויפיל דארפסטו דאנקען דעם באשעפער!

## דו האסט אלעס

איינמאל דו הייבסט אן צו זיין א משכיל אל דל, וועסטו איינזען ווי רייך דו ביסט באמת. זאג נישט, "איך בין נישט קיין מיליאנער." "איך בין נישט קיין מפורסם. איך בין נישט דאס, איך בין נישט יענץ." דו ביסט א מיליאנער! דו האסט אלעס. דו האסט צוויי גוטע אויגן, צוויי גוטע אויערן. דו זעסט א מענטש אנטקעגנקומען די גאס מיט אן ערמל וואס הענגט אראפ; ס'איז נישטא קיין האנט אין די ערמל. דאס איז עפעס אין וואס מ'דארף אריינטראכטן! אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל. דו האסט צוויי ארעמס!

דו האסט קליידונג. דו האסט הויזן, דו האסט א מאנטל, דו פארמאגסט אפילו א פאסיק מיט לעכער דערין. איין לאך צו ניצן פאר מיטאג און איין לאך צו ניצן נאכ'ן עסן מיטאג. דו האסט שיך און די שיך האבן גומינע זוילן און נישט האלצערנע זוילן. דו האסט קנעפלעך און לעכער פאר די קנעפלעך און טאשן. ברוך ה' דו ביסט א מיליאנער. דו האסט א מאגן. דו האסט נירן. דו האסט קישקעס. דו האסט לונגען, דו האסט א הארץ, דו האסט א לעבער. און אלעס ארבעט פערפעקט. עס ארבעט גענוג גוט אז דו ביסט יעצט נישט אין שפיטאל. ברוך ה' דו ביסט א מיליאנער!

דאס גאנצע וואס דו דארפסט טון איז צו עפענען דיינע אויגן; עפן דיין קאפ און זיי א משכיל אל דל און דו וועסט ווערן רייך. ווי גוט איז די הדרכה אויב דו ווילסט ווערן א פרייליכער מענטש דיין גאנץ לעבן. אויב דו וועסט פראקטיצירן דעם גאנג פון זיין א משכיל אל דל, וועסטו אנהייבן צו איינזען ווי גליקליך דו ביסט. ס'איז נישטא קיין בעסערע עצה ווי דאס אויף צו ווערן א פרייליכער מענטש א גאנץ לעבן.

# #8 וועל אויס דיינע שכנים

## גוטע התחלות

נומער אכט איז אן עצה טובה וואס ווערט איבערגע'חזר'ט אין די תורה נאכאמאל און נאכאמאל - ס'איז דא אין חומש, אין משלי און אויך אין תהלים, אבער מיר וועלן דאס צוזאמנעמען מיט דריי ווערטער פון די משנה: הרחק משכן רע - דערווייטער זיך פון א שלעכטער שכן. אלזא, דאס איז אן עצה טובה צו קענען מצליח זיין אויף ביידע וועלטן! ס'איז דער אנהייב פון אלע גוטע זאכן.

איר ווייסט, אויב איר געבט א קוק אין די ערשטע ווערטער פון ספר תהלים וועט איר ווערן איבערראשט: אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים וּבְדֶרֶךְ חַטָּאִים לֹא עָמָד וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב - וואויל איז דער מענטש וואס איז נישט געגאנגען נאך די עצות פון די רשעים, און אויף דער וועג פון די זינדיגע איז ער נישט געשטאנען און אין א זיצונג פון שפעטערס איז ער נישט געזעסן" (תהלים א:א).

דער ספר תהלים איז פול מיט געוואלדיגע השקפות פאר'ן לעבן. עס רעדט זיך דארט אסאך איבער אונזער קשר מיט'ן באשעפער; ס'איז פול מיט אהבת ה' און יראת ה' און בטחון און אמונה. דערפאר איז אינטערעסאנט אז דער ספר זאל זיך אנהייבן מיט אזעלכע ווערטער, א ווארענונג נישט צו זיצן מיט לצים. ווען מיר עפענען דעם ספר תהלים ערווארטן מיר צו זען ווי אזוי נאנט צו ווערן צום באשעפער, אנשטאט וואס דוד המלך זאל אונז זאגן צו שטיין ווייט פון די אפגעפאלענע פון פאלק.

אבער דוד המלך לערנט אונז דא עפעס. ער האט אויסגעוועלט אט די עצה אלס אריינפיר צו זיין מייסטערווערק ווייל דאס איז דער אריינפיר צו אט די אלע געוואלדיגע שאיפות.

אלעס הייבט זיך אן מיט'ן זיך דערווייטערן פון שלעכטע השפעות. מ'קען נישט זאגן תהלים מיט אן אמת, מ'קען נישט ליב האבן דעם באשעפער און זינגען צו אים, אויב מ'האט שייכות מיט רשעים און דער קאפ איז אנגעפילט מיט זייערע אנשויאונגען.

## די סביבה איז משפיע

דאס איז דער עיקר; די וויכטיגסטע פון אלעם איז וואס עס ליגט אין קאפ. און אויב מ'פארברענגט מיט נאראנים און לצים, ווערט מען איינס מיט זיי. דו מיינסט גארנישט שלעכטס? עס וועט נישט העלפן; דו וועסט ווערן א שותף מיט זייערע געדאנקען.

אויב דו שטייסט צווישן נאראנים, פאסיווע מענטשן, מענטשן אן קיין שאיפות, דארפסטו וויסן אז דו וועסט ווערן אזוי ווי זיי. וואס זיי טראכטן, וואספארא סארט מידות און געפילן זיי האבן, ווערט געטיילט מיט דיר אין א געוויסן מאס. דו קענסט זיך נישט ארויסדרייען דערפון; דו ביסט וואס דיין סביבה איז. געדענק וואס איך זאג אייך אצינד - דו ביסט וואס דיין סביבה איז! שלעכטס, אפילו אויפ'ן שוואכסטן פארנעם, איז אנשטעקיג.

אפילו נאר צו אראפשפאצירן א גאס אינאיינעם מיט זיי, ברענגט דיר צו ווערן א שותף מיט זייערע געדאנקען, זייערע מידות און זייערע געפילן. דערפאר איז דוד'ס לויב נישט בלויז אויף דער וואס טוט נישט נאכגיין די עצות פון די זינדיגע, נאר אויך אויף דער "וואס ער גייט נישט אינאיינעם מיט זיי!" דאס מיינט, ער וועט אפילו נישט שפאנען אויף די גאס צוזאמען מיט זיי. ווייל אויב דו גייסט אויף זייערע גאסן, דו ביסט אין זייער געזעלשאפט, דאן, אין א געוויסן מאסן, ביסטו אין "די עצות פון די זינדיגע".

## דאס אומפאראויסגעזעענע קען פאסירן

צומאל קען מען זיך נישט העלפן. מען דארף מאכן פרנסה; מ'קען דאס נישט העלפן - מענער דארפן ארבעטן פאר פרנסה און ווען מ'זוכט אן ארבעטס פאסטן קען מען זיך נישט אלעמאל קלייבן. אבער ווי ווייט מעגליך דארף מען זוכן צו זיין מיט גוטע מענטשן. ס'איז אזוי וויכטיג, ווייל דו וועסט זיין דאס וואס דיין סביבה איז. דו מוזט וויסן אז אויב ביסטו א פאבליק סקול לערער, ווען דו ביסט אויסגעמישט מיט אנדערע מענטשן מיט א נידריגן כאראקטער, מענער און פרויען, ביסטו אויסגעשטעלט צו שלעכטע השפעות.

איך קען א פאל פון אן ארטאדאקסישער איד, א בן תורה, וואס איז געווען א לערער אין א שולע און ער איז אוועקגעשלעפט געווארן פון זיין ווייב דורך א גוי'שע לערערין אין די שולע; ער האט אוועקגעווארפן זיין פאמיליע צוליב א גוי'שע מיידל. דאס האט מען נישט געקענט פאראויס זען אז עס זאל פאסירן, אבער דאס איז דער רעזולטאט פון אוועקוואנדערן צו פרעמדע פעלדער און אפנייגן פון די תורה הדרכה. דערפאר דארפן מיר זיך צוהערן צו אט די עצה: הרחק, ווי שטארק מעגליך זיך האלטן וואס ווייטער.

שלעכטע געזעלשאפט רעכנט אריין, דרך אגב, נישט צו איינלאדענען יעדן פארנאכטס א גוי צו זיך אהיים. אין פיל אידישע הייזער קומט יעדן פארנאכטס א גוי אריין דורך א לאך אין דאך פון די ראדיא אנטענע און ער רעדט צו די הויזגעזינד. א אידישע פאמיליע זיצט ארום דעם טיש און הערט אויס דעם גוי. זיי זענען משוגעים! א קראנקער אוממאראלישער מענטש רעדט ארויס פון זיין הארץ און די משפחה זיצן דארט און הערן אים אויס! דער בעל הבית אין שטוב איז א רוצח - ער שחט זיין פאמיליע.

## זיך דערווייטערן אין שול

דער מסילת ישרים זאגט אז ווען דו וועלסט אויס דיין עסן דארפסטו זייער אכטונג געבן עס זאל זיין ריין און היגיעניש. אבער ווען דו וועלסט אויס א חבר, זאגט ער, דארפסטו זיין הונדערט מאל מער פארזיכטיג. הונדערט מאל מער פארזיכטיג ווי ווען דו וועלסט אויס דיין עסן! דאס איז זייער וויכטיגע הדרכה. דו פארשטייסט שוין פארוואס דער מסילת ישרים געבט אזעלכע עצות - דאס איז דערפאר ווייל ווען ער האט געלערנט תורה האט ער געוואוסט ווי אזוי צו לערנען; ער האט פארשטאנען אז עס איז כולו עצות. און ער האט פארשטאנען אז צו מקיים זיין דעם הרחק משכן רע מיינט צו אויסוועלן נאר די בעסטע מיט וועמען צו האבן פארבינדונג.

אפילו ווען דו זיצט אין בית המדרש אדער אין בית הכנסת, וועל אויס א זיץ נעבן די בעסטע מענטשן; יא. דו דארפסט וויסן אז אפילו אין די בעסטע שול, אויב זעצטו זיך אראפ נעבן א מענטש מיט א שלעכטן כאראקטער קען ער דיר צוגרונד לייגן חלילה. איך האב דאס שוין צוגעזען איינמאל און נאכאמאל.

אמאל איז א מענטש אריינגעקומען ביי אונז אין שול. ער איז געווען א בעל תשובה און פול מיט חשק. ער האט זיך אראפגעזעצט נעבן אן אלטער איד וועמען איך האב געקענט אלס א לץ. און דער אלטער האט געהאלטן אין איין רעדן צו אים אינמיטן דאווענען. ער האט א גאנצע צייט גערעדט קעגן יעדן אין שול - אריינגערעכנט מיר. צום סוף איז דער בעל תשובה אזוי צוגרונד געגאנגען, אזוי געשעדיגט, אז ער איז געווארן מיין שונא און פארלאזט די שול. איך האב אים געוואלט העלפן צוקומען צו עפעס אבער דער שכן רע האט אים רואינירט. דאס האט זיך אפגעשפילט צוויי מאל דורכאויס מיינע יארן. צוויי מאל האב איך מיטגעלעבט אזא ערפארונג.

## ישיבה און שולע

אויך אין ישיבה דארף מען זיין זייער פארזיכטיג. איך האב זייער ליב צו זען די ישיבה בחורים אויפ׳ן גאס. איך זאג, ״א ברכה אויף זייערע קעפ. זיי זאלן אלע לעבן לאנג.״ אבער מען דארף וויסן אז אין יעדע ישיבה עקזיסטירט אן אונטערוועלט גרופע. איר הערט דאס? ס׳איז דא אן אונטערוועלט; עס זענען דא געוויסע שוואכע בחורים אין יעדע ישיבה. אודאי זענען די שוואכע בחורים אין ישיבה הונדערט מאל בעסער ווי די בעסטע יונגען אין די פאבליק סקולס. אבער דאך, זיי זענען שוואכע בחורים; איז געב אכטונג. ווייס מיט וועמען דיין זון חבר׳ט זיך. ווער זענען זיינע חברים? מאך זיכער אז דיין זון חבר׳ט זיך נאר מיט די ערליכע בחורים. אויך אין די מיידל שולע געב אכטונג! אלע סארטן מיידלעך קענען זיך דארט געפינען. אפילו אויב זייערע היימען פארמאגן נישט קיין טעלעוויזיע, זענען דאך דא מיידלעך וואס האבן געוויסע אנשויאונגען אין זייערע קעפ וואס דו ווילסט נישט אז דיין טאכטער זאל איבערכאפן פון זיי.

און דערפאר, איז אזוי וויכטיג צו פארמיידן מענטשן וואס קענען דיר צוגרונד לייגן. אפילו עס וועט נאר שעדיגן אביסל, איז די עצה פון די תורה אז דו מוזט זיך אכטונג געבן! ״הרחק,״ ווארנט אונז די תורה, ״ווייל אין דעם איז אנגעהאנגען דיין לעבן אויףביידע וועלטן.״

## טוה תשובה #9

## עס ווערט נישט פארקוקט

אצינד וויל איך רעדן פון אן עצה וואס איז וויכטיג אויף יום כיפור. ס׳איז וויכטיג א גאנץ יאר אבער ספעציעל דארפן מיר טראכטן דערפון פאר יום כיפור. עס ווערט געברענגט אין מסכת בבא קמא (נ.): כל האומר הקב״ה ותרן הוא - ווער עס זאגט אז דער באשעפער איז מוותר, שפילט מיט זיין לעבן. דאס מיינט, אויב א מענטש טראכט אז דער באשעפער וועט פארקוקן אויף זיינע זינד און אים נישט באשטראפן, ווארט אויף אים א גרויסע אומאנגענעמע איבערראשונג. אויב א מענטש האט געזינדיגט, דאן אפילו עס זענען אריבער פופציג יאר און אינצווישן איז ער אויסגעוואקסן זייער גרויס; ער איז געווארן א גרויסער ראש ישיבה מיט א לאנגע ווייסע בארד, וועט אים דער באשעפער נאך אלץ נישט מוחל זיין. הקדוש ברוך הוא איז גארנישט מוותר.

אזעלכע ווערטער דארפן אונז דערציטערן. ״דער באשעפער וועט נישט מוותר זיין!״ דאס מיינט אז דער באשעפער וועט אים ענטפאנגען אויף יענע וועלט מיט א צורה וואס ער האט זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט. הגאון רבי ישראל סאלאנטער האט געזאגט אז דער באשעפער, כביכול, האט צוויי צורות - איין צורה איז אויף די וועלט און איין צורה איז אויף די אנדערע וועלט. אויף די וועלט ווייזט דער באשעפער א צורה פון חסד; ער פארגעבט און איז גוטהארציג - ער איז מאריך אף; ער ווארט דו זאלסט תשובה טון. אבער נאך וואס א מענטש שטארבט, איז אלעס געענדיגט. אין עולם הבא ווייזט דער באשעפער א שטרענגער פנים פון א שופט, עס איז שוין צו שפעט צו אויסבעטן א סליחה ומחילה. אודאי, ווילאנג דו לעבסט און דו טוסט תשובה און דאן בעטסטו מחילה, דאס איז עפעס אנדערש. אבער אויב א מ׳טוט נישט תשובה איז נישטא קיין מחילה! אויב א מענטש שטארבט מיט זינד וועט אים זיין זייער נישט גוט.

## רעדן!

דערפאר, וואס איז די עצה פון די תורה? ״און זיי זאלן זיך מתודה זיין אויף זייערע זינד וואס זיי האבן געטון״ (במדבר ה:ז). זאגט דער רמב״ם: ״וידוי זה מצוות עשה.״ אויב דו האסט געזינדיגט, אפילו די קלענסטע זינד, ביסטו מחויב דאס ארויסצורעדן און מודה זיין אין דיין שולד.

אזא סארט הדרכה, אויב מ׳מאכט זיך נישט וויסנדיג דערפון, לייגט מען זיך אין א געפאר ווייל אן קיין תשובה איז קיין שום זינד נישט קליין. ווי דער חובת הלבבות זאגט: ״ס׳איז נישטא קיין עבירה וואס איז קליין אן קיין תשובה!״ יעדע זינד איז א קאטאסטראפע אויב א מענטש האט נישט חרטה אויף דעם. און ווייל דער באשעפער האט נישט ליב קיין קאטאסטראפעס זאגט ער, ״זיי זיך מתוודה!״

אויב אבער איז מען זיך מתוודה פאר'ן באשעפער שטייט מען שוין אין גוטן ריכטונג וואס פירט צו תשובה. אודאי דארף מען אויך זיכער מאכן צו טון למעשה און מתקן זיין די מעשים אבער אויב א מענטש ווייסט כאטש אז ער טראגט מיט זיך א שולד און ער האט חרטה; ער איז באזארגט און דערפאר איז ער מודה אין זיין שולד צום באשעפער, איז דאס שוין א געוויסע בחינה פון כפרה. דאס איז נאכנישט קיין גאנצע סליחה ומחילה, אבער ס'איז זיכער א וויכטיגער שטאפל.

## אומאויפריכטיגע תשובה איז אויך עפעס

דאס ברענגט אונז צו דער זייער וויכטיגער ענין וואס מיר וועלן אנרופן 'מקצת התשובה'. ס'איז וויכטיג צו פארשטיין אז יעדער שטאפל פון תשובה איז באוויליגט ביים באשעפער - אפילו אן אומאויפריכטיגע תשובה איז געוואלדיג חשוב. מיר לערנען דאס פון די מעשה פון עכן. דאס איז געווען ווען די אידן האבן איינגענומען יריחו, האט איינער עפעס גענומען פון צווישן די חורבנות וואס יהושע האט באפוילן אז מ'זאל נישט צורירן. כדי צו דערגיין ווער עס איז דער שולדיגער האט מען געמאכט א גורל און עס איז געפאלן אויף עכן.

אבער עכן האט געלייקנט. "נישט איך האב גענומען!" האט ער גע'טענה'ט. איז וואס האט יהושע געטון? ער האט געזאגט צו עכן "ותן לו תודה" - זיי זיך מודה וועסטו ווערן ריינגעוואשן." זאגט די גמרא (סנהדרין מג:), אז יהושע האט אונטערגעקויפט עכן מיט רייד. ער האט פארפירט עכן צו טראכטן אז אויב ער וועט מודה זיין וועט ער נישט ווערן גע'הרג'ט. אבער באמת האט יהושע געמיינט צו זאגן אז ער וועט ווערן ריינגעוואשן אויף יענע וועלט אבער ער האט פארנארט עכן צו מודה זיין.

## דער גרינגער איינטריט צו עולם הבא

אלזא, הערט וואס די גמרא זאגט. עס שטייט אז עכן האט פארדינט עולם הבא צוליב די וידוי וואס ער האט געזאגט. דאס איז א מורא'דיגע גמרא! יהושע האט אריינגענארט עכן צו עולם הבא! מ'קען ארייננארן איינעם צו מודה זיין און דורכדעם פארדינט יענער עולם הבא. אלזא, לערנען מיר דא ווי חשוב עס איז צו זאגן וידוי. עס לוינט זיך צו עפענען דאס מויל און מודה זיין אז מ'האט געזינדיגט ווייל דערמיט פארדינט מען די בעסטע מתנה.

צו עפענען דאס מויל און זאגן פאר'ן באשעפער "זיי מיר מוחל", האט אזא גרויסער כח ווייל ווען איינער איז מודה מיט'ן מויל און זאגט אז ער איז שולדיג און ער האט חרטה, האט עס אויף אים א גוטע השפעה. און אפילו ווען דאס מודה זיין אויף זיין שולד איז בלויז כדי צו ראטעווען זיין לעבן - ווען אין אמת'ן האט ער נישט חרטה, ער איז נאך זייער ווייט פון אמת'ע תשובה - אבער דאך האט עס עפעס א השפעה. אפשר האט עכן חרטה געהאט אויף א טויזנטסטל פון זיין זינד; מיר קענען נישט וויסן, אבער אפילו פון אט דער קליינער טייל פון תשובה, דורך זאגן וידוי, האט ער פארדינט.

## פארנאר דיר אליין

אלזא, איז כדאי צו אנהייבן זיך אליין צו פארנארן. דו שפירסט זיך ווייט פון אמת'ע תשובה? זאג סייווי "איך האב חרטה". ווייל ווען דו ביסט מודה מיט'ן מויל, ווען דו זאגסט, "איך בין שולדיג און איך האב חרטה," דאס אליין איז שוין א מצוה. דערמיט גראבסטו זיך שוין ארויס פון גרוב.

און דערפאר איז די בעסטע עצה אין די וועלט צו תשובה טון שוין יעצט. שטופ נישט אפ! דו קענסט זיך ראטעווען פון פראבלעמען אויף די וועלט און פון גיהנם אויף יענע וועלט. וואַרט נישט ביז יום כיפור! ווער ווייסט וואס עס וועט זיין ביז דאן? ווער ווייסט וואו דו וועסט זיין? און דו קענסט אפילו חס ושלום פארגעסן אז דו האסט עפעס געטון נישט ריכטיג.

## טעגליכע געלעגנהייטן

יעדן טאג ווען דו זאגסט "סלח לנו" זאלסטו עס נישט סתם אריבערלויפן - דו טוסט יעצט תשובה! טראכט איבער דיינע עבירות. זיי נישט יוצא בלויז מיט'ן זאגן די ווערטער. טראכט פון ספעציפישע מעשים וואס דו האסט געטון. מיר האבן עובר געווען אויף ערנסטע עבירות אין לעבן.

יעדער פרומער איד דארף זיך איינגעוואוינען צו אויספירן מקצת התשובה. אסאך שטראפן וועלן אפגעטון ווערן

און דו וועסט איבערראשט ווערן פון די רעזולטאטן. דורך ניצן אונזער מויל פאר דעם צוועק; דורך זאגן, "רבונו של עולם, איך פיל זיך שולדיג אויף וואס איך האב געטון און איך האב חרטה," רייניגסטו דיין נשמה.

ס'איז א וואונדערבארע עצה. שטופ עס נישט אפ! עפן דיין מויל און זאג, "רבונו של עולם, איך האב חרטה." יעדן מאל וואס דו זאגסט אזוי - נישט נאר דורכאויס די עשרת ימי תשובה; א גאנץ יאר, אין א געווענליכן דינסטאג אינדערפרי, מאנטאג נאכמיטאג - יעדן מאל דו זאגסט, "איך האב חרטה אז איך האב געטון דאס און דאס," ביסטו מקיים א מצוות עשה דאורייתא. דו וועגסט אראפ דיין וואגשאל צום זייט פון זכות. און דער באשעפער וועט זען אז דו פראבירסט און אפשר וועט ער אריינלייגן אין דיין הארץ אמת'ע הרהורי תשובה.

## #10 זוך באראטונג

### די עצה וואס איז כולל אלעס

למעשה, עס נעמט צייט צו אויסגראבן די עצות פון די תורה. אין לעבן זענע פארהאן טויזנטער און טויזנטער פראבלעמען וואס קומען אויף א גאנצע צייט און כאטש וואס די תורה האט טויזנטער און טויזנטער עצות מיט וואס דאס אלעס צו באהאנדלען, האבן מערסטנס פון אונז נישט די ערפארונג צו אנטדעקן אט די אלע עצות; צומאל ווייסן מיר יא פון די עצה אבער מיר ווייסן נישט ווי אזוי עס ריכטיג צו ניצן.

און דערפאר איז די ענדגילטיגע עצה פון וואס מיר וועלן רעדן, עפעס וואס ענטהאלט אלע עצות פון די תורה: עשה לך רב - מאך פאר זיך א רבי. עשה לך רב; וועל זיך אויס א גוטער רבי און ער וועט דיר מגלה זיין די אלע עצות.

### בעט הדרכה

מענטשן מיינען אז דאס באדייט מען זאל נעמען א לערער וואס זאל אויסלערנען תורה; אויב דו ווילסט לערנען צום ביישפיל לומדות, זאלסטו טרעפן א רבי אין לומדות. דו ווילסט האבן א רבי אין מוסר? טרעפסטו זיך א רבי אין מוסר. דו ווילסט א רבי אין הלכה, א פוסק? גיי צו א פוסק, א רבי אין הלכה. די תורה ענטהאלט פיל פארשידנארטיגע נושאים; אין איין נושא קענסטו האבן איין רבי, און אן אנדערע נושא, א צווייטן.

אבער 'מאך פאר זיך א רבי' מיינט מער ווי דאס. ווייל די וויכטיגסטע נושא ביסטו אליין. דו דארפסט האבן א מורה דרך אין לעבן. מענער און פרויען, יעדער; בחורים און מיידלעך אויך - זאלן מאכן פאר זיך א רבי; זוך איינעם און באהעפט זיך צו יענעם און לעב מיט זיין הדרכה.

יעדער מענטש, א בחור אדער מיידל דארף האבן עצות. א מיידל קען טאקע נישט פרעגן קיין עצות פונעם רב אבער איר מאמע אדער טאטע קענען פרעגן פאר איר עצות פונעם רב, יא. עס האנדלט זיך אין א שידוך? פרעג עצות. צומאל וועט דיר דער רב זאגן, "לייג אכט, דאס איז נישט די ריכטיגע." בעט אנווייזונגען אויף די לעבנס שטראזן. אז מען פרעגט בלאנזשעט מען ניט. איך וועל דאס זאגן נאכאמאל, אז מען פרעגט בלאנזשעט מען נישט!

### דו דארפסט טרעפן איינעם

טראכט: ווען איז געווען דאס לעצטע מאל וואס דו האסט געבעטן הדרכה? ווען איז געווען דאס לעצטע מאל וואס דו האסט זיך דורכגעשמועסט מיט א תלמיד חכם? קען זיין דו האסט קיינעם נישט; ס'איז א גרויסער טעות - טרעף איינעם!

פיל מאל קומען פרויען ארויף צו מיר, זיי האבן פראבלעמען מיט זייערע מענער. פרעג איך, "קענט איר אים שיקן צו מיר?"

"ער וועט נישט קומען."

"ער האט א רב?"

"ניין."

"וואו דאוונט ער?"

"ער דאוונט אין פופצן אנדערע שולן."

דאס איז א גרויסן טעות וואס פיל ארטאדאקסישע אידן באגייען היינט צוטאגס. אויף שבתים פארן זיי ארום. זיי באהאלטן זייער טלית אונטער זייער מאנטל און זיי לאזן זיך ארויס אויף אוואנטורעס אין נייע שולן. פרייטאג צונאכטס דאווענען זיי אין איין שול, שבת אינדערפרי ערגעץ אנדערש; יעדע וואך אין אן אנדערע שול.

## גיי נישט נאך דיין הארץ

דורך זיך באהעפטן צו איינעם - אפילו נאר א קליינער רבי אין א קליינע שטיבל - וועט מען בלויז פארדינען. ס'איז א געוואלדיגע פארדינסט אויף ביידע וועלטן. כאטש איינער איז דיין מורה דרך, דיין וועג ווייזער. מאך נישט קיין באשלוסן איידער דו רעדסט מיט אים. פיל פראבלעמען ווערן אזוי לייכט געלעזט אויב דו נעמסט הדרכה פון איינעם. שֹׁמֵעַ לְעֵצָה חָכָם (משלי יב:טו). שלמה המלך האט נישט גערעדט צו קליינע קינדער. ער רעדט צו ערוואקסענע מענער. יא, אויך דו. דו מוזט מאכן פאר זיך א רב.

יעדער דארף א מורה דרך. יעדער דארף האבן א משגיח. דו דארפסט האבן אן אויפזעער אין לעבן. דו ווילסט דאס נישט? דיין פראבלעם; דו מוזט עס האבן ווייל יעדע זאך אין לעבן איז אויסגעשטעלט צו קאפריזן און פיל מאל ווערן גרויסע טעותים באגאנגען בעיקר צוליב א קאפריז - א קאפריז מיינט א זייער קליינער געפיל - באשלוסן ווערן געמאכט אויפ'ן באזיס פון קאפריזן אנשטאט עס זאל זיין לויט עצות פון די תורה, לויט גוטע הדרכה.

## וואס מיינט א גוטער מדריך?

א גוטער מדריך מיינט נישט א שלום בית קאונצלער, אויסער אויב ס'איז א זייער פרומער איד. עס מיינט נישט א פסיכאלאג. שטיי ווייט פון די געלערנטע מענטשן ווי מ'דערווייטערט זיך פון א שלאנג.

דו ביסט שעמעוודיג, דו עסט זיך איבער, דו ביסט נערוועז, טראכסטו, "איך וועל גיין צו זיי." די פסיכאלאגן זענען נישט פעאיג. גראדע ווייס איך; איך האב א לאנגע ערפארונג מיט מענטשן; אזעלכע מענטשן וואס זענען שלי-מזלות, מענטשן וואס זענען שעמעוודיג, זיי האבן א מינדערווערטיגקייט קאמפלעקס און זיי עסן זיך איבער, און וואס טוען זיי? זיי ווערן פסיכאלאגן. אצינד האבן זיי א סערטיפיקאט אויפ'ן וואנט און זיי זיצן אין אן אפיס און געבן עצות פאר מענטשן.

די וועלט זאגט, 'א שוסטער גייט בארוואס', 'א שניידער גייט מיט שמאטעס'. איר ווייסט וואס דאס באדייט? אז מענטשן וואס געבן עצות פאר אנדערע, פיל מאל ווייסן זיי נישט וואס צו טון מיט זיך אליין.

## טרעפן דעם ריכטיגן

ס'איז נישט גרינג צו טרעפן פאסיגע וועג ווייזערס, אבער די מענטשן וועלכע האבן דעפלאמעס אלס עצה געבערס, זאגט דער דעפלאם אז דער מענטש איז סם. דאס איז וואס דער דעפלאם זאגט - "מיר, די שטאט ניו יארק, טוען דא באשטעטיגן אז וואס דער דאזיגער מענטש וועט אייך זאגן איז א שלעפערישע פארקירעוואונג און ער וועט אייך פירן צו פארדארבונג; ער וועט אייך פירן צו דיין ענדע. שטיי ווייט פון אים!" דאס איז אלעס וואס דער דעפלאם באדייט.

טרעף אן אמת'ער געלערנטער מענטש. איינער וואס האט געלערנט אסאך גמרא, צום ביישפיל. אין די גמרא זענען פאראן הונדערטער און הונדערטער מעשיות און עס זאגט דיר וואס צו טון. משלי איז פול מיט עצות. אויב ער האט געלערנט משלי ווייסט ער אזויפיל עצות ווי אזוי ארויסצוקריכן פון שווערע סיטואציעס, ווי אזוי צו לעזן פראבלעמען. צומאל זענען זיי אויס אוממעגליך צו לעזן און דו קומסט צו דער מענטש וואס האט ערפארונג, ער ווייזט דיר אז ס'איז אזוי גרינג צו איבערקומען דעם פראבלעם.

ס'איז מערקווירדיג. צומאל זענען מענטשן אזוי פארקנאקט מיט קלייניקייטן, וואס אן ערפארענער מורה דרך קען העלפן דאס איבערקומען. און דערפאר, עשה לך רב והסתלק מן הספק - מאך זיך א רב און דאן וועסטו נישט האבן קיין ספיקות וואס צו טון. אוודאי, דו מיינסט אז דו וועסט שוין אליין וויסן וואס צו טון. דו האסט נישט קיין ספיקות. זאלסטו וויסן אז דאס איז נישט ריכטיג, נאכאנאנד מאכן זיך ספיקות.

בכלליות קענען מיר דאס צוזאמנעמען אזוי: שֹׁמֵעַ לְעֵצָה חָכָם - א מענטש וואס הערט צו צו גוטע הדרכה איז א

קלוגער מענטש. אויב זאלסטו הארכן בלויז צו די איינע הדרכה, וואלט דאס שוין געווען א געוואלדיגע עצה. ווייל צו צוהערן צו איינער וואס ווייסט די עצות וועט דיר ראטעווען פון א באדייטנדער צאל פון צרות.

## אויספיר

### עס זענען דא דיאמאנטן איבעראל

די דאזיגע צען עצות פון באשעפער פון וואס מיר האבן דא ארומגערעדט זענען נויטיג אויף צו קענען האבן א גליקליך לעבן און אויב דו לערנסט עס איבער ווען דו האסט א געלעגנהייט וועלן זיי דיר דינען אלס וואונדערליכע געצייג אין לעבן. אבער דער אמת איז אז אויב זאלן מיר האבן די צייט וואלטן מיר געקענט צולייגן אפשר נאך טויזנט עצות. און עס זענען נאך פאראן נאך פיל וואס איך אליין האב נאכנישט אנטדעקט, דערפאר קען איך עס נישט איבערזאגן - אבער איינמאל דיין מח איז געצילט צו דעם פונקט, וועלן זיי נאכאנאנד ארויסטאנצן דא און דארט; דו וועסט זיי אנהייבן צו אנטדעקן אליין. עס זענען דא אסאך בריליאנטן באגראבן אונטערן אויבערפלאך און דו וועסט אנהייבן צו באקענען די וועגן וואס פירן צו א פרייליכע און ערפאלגרייכע לעבן; פון באהאנדלען די פראבלעמען אין לעבן, פון וויסן וועלכע ריכטונג צו נעמען ביי יעדן שיידוועג אויפ׳ן שטראז פון לעבן.

דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם, וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם, אלע וועגן פון די תורה פירן צו הצלחה. שלם מיינט שלימות אין אלעם. דאס איז וואס מיר לערנען דא - אז עס איז פאראן אן עצה צו יעדע ערשיינונג אין לעבן, נאר מיר דארפן עפענען אונזערע אויערן און הערן. תְּשׁוּעָה בְּרֹב יוֹעֵץ - ס׳איז דא הילף אין פיל באראטונג; דאס מיינט, אויב וועסטו זוכן הדרכה פון די תורה איז דא דארט א הילף. די תורה ווערט גערופן ׳עצה ותשועה׳, ווייל צו געבן באראטונג וואס ברענגט ערפאלגרייכע רעזולטאטן, דאס איז איינע פון די געוואלדיגע נקודות פון די תורה.

### דער ארט פאר באראטונג

דערפאר, איז העכסט וויכטיג צו זוכן הדרכה אין די תורה, נישט ווייניגער וויכטיג ווי צו מקיים זיין די מצוות פון די תורה. און דאס איז די טענה צום פאלק: "זיי זענען א פאלק וואס האט פארלוירן די באראטונג." דאס מיינט כפשוטו; זיי האבן נישט די מעגליכקייט זיך צו ספראווען מיט׳ן לעבן ווייל זיי האבן פארגעסן אז די תורה איז דאס פלאץ וואו צו קומען פאר עצות. דערפאר זענען די ווערטער א טייל פון די פאראייביגטע האזינו שירה, די שירה וואס מיר דארפן זינגען צו זיך במשך אלע דורות אונז צו דערמאנען וואו מיר האבן געטון אפנייגן.




און דערפאר, ווי אויבנדערמאנט אין אנהייב פון דעם שיעור, איז דער פסוק אין די היינטיגע פרשה, כִּי גוֹי אֹבַד עֵצוֹת הֵמָּה, נישט נאר א טענה - נאר עס איז אן עצה אזוי ווי אלעס וואס שטייט אין די תורה. ווייל ס׳איז נישטא עפעס מער וואס דער באשעפער וויל, ווי דאס אז זיינע קינדער זאלן מצליח זיין. און די געוואלדיגע גליק פון לעבן אויף די וועלט ערפאלגרייך, פון וויסן ווי אזוי צו אריבערשווימען אלע כוואליעס אין לעבן און ווערן אן איש שלם, געפינט מען נאר אין די תורה. מיר קוקן אריין אין די תורה - די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה - און מיר געפינען אלע ביישפילן פון אן ערפאלגרייכע לעבן.

דאס איז וואס עס מיינט א תורה׳דיגע פאלק - מיר הערן זיך צו צו די הדרכה פון באשעפער און מיר ווערן דער ׳גוי מלא עצות׳, דאס פאלק וואס געפינט אלעס וואס עס דארף אין דעם אוצר פון גוטע עצות, די תורה וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן.

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאלה:

**וואס איז דער באדייט פון די תפילה 'אבינו מלכינו זכרנו לזכויות'? וואס בעטן מיר צו זוכה זיין?**

### תשובה:

איך מיין אז עס איז גאנץ פשוט. מיר ווילן האבן זכויות.

מיר טוען פארשידענע זאכן וואס קענען אויבערפלעכליך געזען ווערן ווי גוטע מעשים. אבער צומאל, אויב מיר זאלן ווערן גרינטליכער באטראכט, וועט מען זען אז דער פנימיות איז נישט אזוי גוט. דעריבער בעטן מיר דעם באשעפער, "באשעפער, מיר בעטן דיר, נעם אן אונזערע מעשים, אפילו די אויבערפלעכליכע, און פארשרייב עס אלס זכויות, כאטש וואס עס קומט זיך אונז באמת נישט."

אויב עס קומט זיך אונז, פארוואס דארפן מיר דען בעטן? דער באשעפער וועט עס סייווי טון. אודאי וועט דער באשעפער געדענקען אונזערע גוטע מעשים אויב עס קומט זיך אונז. דעריבער בעטן מיר אז אפילו אויב עס קומט זיך אונז נישט, פארשרייב עס אלס זכויות, פארשרייב עס אלס זכותים פאר אונז.

פארשטייט זיך אז אויב א מענטש האט געטון אן עבירה קען ער נישט בעטן דער באשעפער זאל דאס געדענקען לזכויות. איך רעד פון די מצוות. מיר טוען נאכאנאנד מצוות, אבער דער פראבלעם איז אז אונזערע מצוות ווערן נישט אלעמאל געטון מיט די ריינע כוונה לשמה. דערפאר זאגן מיר זכרנו לזכויות. מיר זאגן כתבנו לזכויות. געב אונז דעם זכות ווי גלייך מיר וואלטן עס געטון מיט די גאנצע און ריכטיגע כוונה, כדי עס זאל זיין צו א זכות פאר אונז.

אודאי דארפן מיר פרובירן ווי ווייט מעגליך צו טון די מצוות בשלימות. די געדאנקען אין מח זענען ווי דער רוקנביין פאר יעדע מצוה. און דער באשעפער קוקט טאקע בעיקר אויף אונזערע מחשבות. רחמנא לבא בעי - דער באשעפער וויל אונזער מח, אונזערע געדאנקען, מער ווי סיי וואס. דער מסילת ישרים (פרק טז) זאגט: **כי אין די לאדון ברוך הוא במעשים לבדם אלא העיקר לפניו שהלב יהיה טהור לכון בה לעבודה אמיתית** - "עס איז נישט גענוג פאר'ן באשעפער אז מיר דינען אים בלויז מיט אונזערע מעשים, נאר דער עיקר פאר'ן באשעפער איז אז אונזער הארץ זאל זיין לויטער און קאנצענטרירט אים צו דינען באמת." אלזא, האבן מיר דעם דרך אויף וואס מיר דארפן גיין. אבער ביז מיר ווערן אויסגעארבעט אין דעם בעטן מיר פון באשעפער, "ביטע משפט אונז מיט רחמנות און באטראכט אונזערע מעשים אלס זכויות, ווי גלייך מיר וואלטן עס מקיים געווען מיט די ריכטיגע כוונות ווי עס איז דיין רצון."


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן